STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11091

KARL MARKS

Vladimir Ilich Lenin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. אי. לענין

קארל מארקס

יידיש מ. הער

פארלאג „עמעס"
מאָסקווע 1932

Soviet Union

די דרײַ קוואַלן און די דרײַ באַשטאַנד־טײלן פונעם מאַרקסיזם

מאַרקס לערע רופט אַרויס צו זיך אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט די גרעסטע סינע און האַס פון דער גאַנצער בורזשואַזער (סײַ דער אָפיציעלער, סײַ דער ליבעראַלער) וויסנשאַפט, וואָס זעט אין אינעם מאַרקסיזם עפּעס אַ מין „שעדלעכע סעקטע". אַף קיין אַנדער באַציִונג קאָן מען זיך גאָרניט ריכטן, ווײַל קיין אָנפּאַרטײיִשע סאָציאַלע וויסנשאַפט קאָן ניט זײַן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אַף קלאַסנקאַמף. אַזוי צי אַנדערש, אָבער די ג א נ צ ע אָפיציעלע און ליבעראַלע וויסנשאַפט פ א ר ט ײ ד י ק ט די לוין־שקלאַפערײַ, און דער מאַרקסיזם האָט דערקלערט דער דאָזיקער שקלאַפערײַ אַן אָנראַכמאָנעסדיקע מילכאָמע. ריכטן זיך אַף אַן אָנפּאַרטײיִשע וויסנשאַפט אין דער געזעלשאַפט פון לוין־שקלאַפערײַ איז פּונקט אַזאַ לעקישעוואַטע נאַיִווקײט, ווי ריכטן זיך אַף אָנפּאַרטײיִשקײט פון די פאַבריקאַנטן אין דער פראַגע וועגן דעם, צי מע דאַרף פאַרגרעסערן די אַרבעטער דעם לוין, פאַרקלענערנדיק דעם רעווע פונעם קאַפּיטאַל.

אָבער דאָס איז ווייניק. די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע און די געשיכטע פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט באַווײַזן מיט פולשטענדיקער קלאָרקײט, אַז אינעם מאַרקסיזם איז גאָרנישט ניטאָ אַזוינס, וואָס זאָל זײַן ענלעך אַף „סעקטאַנטישקײט" אינעם זין פון עפּעס אײַנגעשלאָסענער, פאַרשטײנערטער לערע, וואָס איז אַנטשטאַנען אָן אַ זײַט פונעם גרויסן אַנטוויקלונג־שליאַך פון דער וועלט־ציוויליזאַציע. פאַרקערט, מאַרקס גאַנצע געניאַלקײט באַשטײט גראָד אין דעם, וואָס ער האָט געגעבן אַן ענטפער אַף די פראַגן, וואָס דער פאָרגעשריטענער געדאַנק פון דער מענטשהייט האָט שוין אויפגעשטעלט. זײַן לערע איז אַנשטאַנען אַלס אַ דירעקטע און אומיטלבאַרע פ אָ ר ז ע צ ו נ ג

פון דער לערע פון די גרעסטע פאָרשטייער פון דער פילאָזאָפיע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סאָציאַליזם.

מארקס לערע איז אלמעכטיק, ווייל זי איז פולקום און הארמאָניש, זי גיט די מענטשן א פארגאנצטע וועלט־אָנשויונג, וואָס לאָזט זיך ניט פּאָרן מיט קיין שום אבערגלויבן, מיט קיין שום רעאקציע, מיט קיין שום פארטיידיקונג פון בורזשואזן יאָך. זי איז דער געזעצלעכער יורש פונעם בעסטן, וואָס די מענטשהייט האָט געשאפן אין 19־טן יאָרהונדערט אין געשטאלט פון דער דייטשישער פילאָזאָפיע, פון דער ענגלישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פונעם פראנצויזישן סאָציאַליזם.

אף אָט די דריי קוואלן און צוזאמען דערמיט אויך באשטאנדטיילן פונעם מארקסיזם וועלן מיר זיך טאקע אָפּשטעלן אין קורצן.

I

די פילאָזאָפיע פונעם מארקסיזם איז דער מאטעריאליזם. אין משעך פון דער גאנצער נייסטער געשיכטע פון אייראָפּע, און באזונדערס אין סאָף 18־טן יאָרהונדערט, אין פראנקרייך, ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער אנטשיידנדיקער שלאכט קעגן יעדערליי מיטלאלטערלעכן אלטווארג, קעגן לייבאייגנטום אין די אנשטאלטן און אין די אידייען, איז דער מאטעריאליזם געווען די איינציקע קאָנסעקווענטע פילאָזאָפיע, וואָס איז טריי אלע לערעס פון די נאטור־וויסנשאפטן, פיינטלעך דעם אבערגלויבן, דער צוואַצטוועּ א. א. וו. די פיינט פון דער דעמאָקראטיע האָבן זיך דעריבער געסטארעט מיט אלע קויכעס צו „אָפּלייקענען", אונטערייסן, רעכילעס טרייבן אפן מאטעריאליזם און האָבן פארטיידיקט פארשיידענע פאָרמען פון פילאָזאָפישן אידעאליזם, וועלכער באשטייט שטענדיק, אזוי אָדער אנדערש, אינעם פארטיידיקן אָדער שיצן די רעליגיע.

מארקס און ענגעלס האָבן אפן אנטשיידנסטן אויפן פארטיידיקט דעם פילאָזאָפישן מאטעריאליזם און האָבן ניט איינמאָל דערקלערט די טיפע פעלערהאפטיקייט פון אלע אָפּווייכונגען פון דער דאָזיקער באזע. קלאָרער פאר אלץ און אויספירלעכער זיינען זייערע אָנשויונגען איבערגעגעבן אין ענגעלסעס ווערק: „לודוויג פייערבאך" און „אנטי־דיורינג", וואָס זיינען, פונקט ווי דער „קאָמוניסטישער מאניפעסט", דער האנטבוך פאר יעדן באוווסטזיניקן ארבעטער.

אָבער מארקס איז ניט געבליבן שטיין אפן מאטעריאליזם פארנעם 18־טן יאָרהונדערט, נאָר ער האָט א רוק געטאָן די פילאָזאָפיע פאָרויס. ער האָט זי באריי כערט מיט די דערגרייכונגען פון דער דייטשישער קלאסישער פילאָזאָפיע, באזונדערס פון העגעלס סיסטעם, וועלכע האָט פון איר זייט געבראכט צו פייערבאכס מאטעריאליזם. דער איקער פון די דאָזיקע דערגרייכונגען איז די דיאלעקטיק, ד. ה. די לערע וועגן דער אנטוויקלונג אין איר סאמע פולער, טיפער געשטאלט, וואָס איז פריי פון איינזייטיקייט, די לערע וועגן דער רעלאטיווקייט פונעם מענטשלעכן וויסן, וואָס גיט אונדז אן אָפשפיגלונג פון דער מאטעריע, וועלכע אנטוויקלט זיך אייביק. די נייסטע אנטדעקונגען פון דער נאטורוויסנשאפט — ראדי, די עלעקטראָנען, די פארוואנדלונג פון די עלעמענטן — האָבן מערקווירדיק באשטעטיקט מארקס דיאלעקטישן מאטעריאליזם, טראָץ די טעאָריעס פון די בורזשואזע פילאָזאָפן מיט זייער „נייעם" אומקערן זיך צום אלטן און פוילן אידעאליזם.

פארטיפנדיק און אנטוויקלענדיק דעם פילאָזאָפישן מאטעריאליזם האָט אים מארקס דערפירט ביזן סאָף, ער האָט פארשפרייט זיין נאָטור־דערקענטעניש אף דער דערקענטעניש פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. די גרעסטע דעראָבערונג פון וויסנשאפטלעכן געדאנק איז מארקס היסטאָרישער מאטעריאליזם. דעם כאאָס און דעם ווילקיר, וואָס האָבן ביז דעמאָלט געהערשט אין די אָנשויונגען אף דער געשיכטע און אף דער פאָליטיק, האָט פארביטן א וווּנדערבאר פארגאנצטע און הארמאָנישע וויסנשאפטלעכע טעאָריע, וואָס באווייזט, וויאזוי פון איין שטייגער פון געזעלשאפטלעכן לעבן אנטוויקלט זיך, מאכמעס דעם וווּקס פון די פראָדוציר־קרעפטן, אן אנדער שטייגער, א העכערער, — ווי פונעם לייבייגנטום, צום ביישפיל, וואקסט ארויס דער קאפיטאליזם.

פונקט אזוי, ווי דערקענטעניש פונעם מענטשן שפיגלט אָפ די נאטור, וואָס עקזיסטירט אומאָפהענגיק פון אים, ד. ה. די מאטעריע, וואָס אנטוויקלט זיך, אזוי שפיגלט אָפ די געזעלשאפטלעכע דערקענטעניש פונעם מענטשן (ד. ה. די פארשיידענע אָנשויונגען און טעאָריעס — פילאָזאָפישע, רעליגיעזע פאָליטישע א. א. וו.) די עקאָנאָמישע אָרדענונג פון דער געזעלשאפט. די פאָליטישע

אנשטאלטנ זײנענ אנ איבערגעבוי איבער דעם עקאָנאָמישנ באזיס. מיר זעענ, צום בײשפיל, ווי די פארשײדענע פּאָליטישע פאָרמענ פונ די הײנטצײטיקע אײראָפּײִשע מעלוכעס דינענ צו פארפעסטיקנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע איבערנ פּראָלעטאריאט.

מארקס פילאָזאָפיע איז דער פארענדיקטער פילאָזאָפישער מאטעריאליזם, וואָס האָט געגעבנ די גרויסע געצײג פונ דערקענטעניש דער מענטשהײט, אונ באזונדערס — דעם ארבעטער־קלאס.

II

אָנערקענענדיק, אז די עקאָנאָמישע אָרדענונג איז דער באזיס, וואָס איבער אים הײבט זיך אוף דער פּאָליטישער איבערגעבוי, האָט מארקס אָפּגעגעבנ מער פאר אלצ אופמערקזאמקײט צו דערלערנענ די דאָזיקע עקאָנאָמישע אָרדענונג. מארקס הויפּט־ווערק — „קאפּיטאל" איז געווידמעט דעם שטודירנ די עקאָנאָמישע אָרדענונג פונ דער הײנטצײטיקער, ד. ה. פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט.

די קלאסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט זיך ביז מארקסנ אויסגעבילדעט אינ ענגלאנד — אינ דעם סאמע אנטוויקלטנ קאפּיטאליסטישנ לאנד. פאָרשנדיק די עקאָנאָמישע אָרדענונג, האָבנ אדאם סמיט אונ דאוויד ריקארדאָ אוועקגעלײגט דעם פונדאמענט פונ דער ארבעט־טעאָריע וועגנ דעם ווערט. מארקס האָט פאָרגעזעצט זײער ארבעט. ער האָט שטרענג באגרינדעט אונ קאָנסעקווענט אנטוויקלט די דאָזיקע טעאָריע. ער האָט באוויזנ, אז דעם ווערט פונ יעדער סכוירע באשטימט דער סכום געזעלשאפטלעכ־נײטיקע ארבעט־צײט, וואָס ווערט פארטאָנ אפ פּראָדוצירנ די סכוירע.

דאָרט, ווו די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ האָבנ אײנגעזענ א באציונג פונ זאכנ (דעם אויסטויש פונ א סכוירע אפ א סכוירע), האָט מארקס אופגעדעקט א באציונג צווישנ מענטשנ. דער אויסטויש פונ סכוירעס דריקט אויס די פארבינדונג צווישנ די אײנצלנע פּראָדוצירער בא דער פארמיטלונג פונעם מארק. דאָס געלט באטײט, אז די דאָזיקע פארבינדונג ווערט אלצ ענגער אונ פארײניקט ניט צו צעשײדנ דעם גאנצנ ווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ די באזונדערע פּראָדוצירער אינ אײנ גאנצעס. דער קאפּיטאל באטײט די ווײטערדיקע אנטוויקלונג פונ דער דאָזיקער פארבינדונג: א טכוירע ווערט אויכ

דעמ מענטשנס ארבעט־קראפט. דער לוינ־ארבעטער פארקויפט זיינ ארבעט־קראפט דעמ באזיצער פונ דער ערד, פונ די פאבריקנ, פונ די ארבעט־געצייג. איינ טייל פונעמ ארבעט־טאָג פארברויכט דער ארבעטער אפ דעקנ די הויצאָעס צו אויסהאלטנ זיכ אונ זיינ פאמיליע (דער ארבעטלוינ), אונ דעמ צווייטנ טייל פונ טאָג האָרעוועט דער ארבעטער אומזיסט, שאפנדיק מ ע ר װ ע ר ט פארנ קאפיטאליסט, דעמ קוואל פונ רעווחכ, דעמ קוואל פונ רייכטומ פארנ קלאס קאפיטאליסטנ.

די לערע וועגנ מערווערט איז דער ווינקלשטיינ פונ מארקס עקאָנאָמישער טעאָריע.

דער קאפיטאל, וואָס דעמ ארבעטערס ארבעט שאפט, דריקט דעמ ארבעטער, רויִנירנדיק די קליינע באלעבאטימ אונ שאפנדיק אנ ארמיי ארבעטלאָזע. אינ דער אינדוסטריע זעט מענ גלייכ דעמ ניצאָכנ פונ דער גרויס־פראָדוקציע, אָבער אויכ אינ דער ערד־ארבעט זעענ מיר די זעלבע דערשיינונג: די אויבערהאנט פונ דער גרויסער קאפיטאליסטישער לאנדווירטשאפט ווערט גרעסער, עס שטייגט די אָנווענדונג פונ מאשינעס, די פריערשע ווירטשאפט פאלט אריינ אינ פעטליע פונעמ געלט־קאפיטאל, זי פאלט אונ ווערט רויִנירט אונטערנ יאָכ פונ דער אָפגעשטאנענער טעכניק. אינ דער לאנדווירטשאפט זיינענ די פאָרמענ פונעמ פאלנ פונ דער קליינ־פראָדוקציע אנדערע, אָבער אז זי פאלט — דאָס איז א פאקט ניט צו באשטרייטנ.

שלאָגנדיק די קליינ־פראָדוקציע, פירט דער קאפיטאל צו א פארגרעסערונג פונ דער ארבעט־פראָדוקטיווקייט אונ צומ שאפנ א מאָנאָפאָל־לאגע פאר די פארבאנדנ פונ די גרעסטע קאפיטאליסטנ. די פראָדוקציע גופא ווערט אלצ מער געזעלשאפטלעכ, — הונדערטער טויזנטער אונ מיליאָנענ ארבעטער ווערנ פארבונדנ אינ א פלאנמעסיקנ ווירטשאפטלעכנ אָרגאניזמ, — אָבער דעמ פראָדוקט פונ דער אלגעמיינער ארבעט נעמט צו זיכ א הייפל קאפיטאליסטנ. עס וואקסט די אנארכיע פונ דער פראָדוקציע, די קריזיסנ, דער ווילדער געיעג נאָכנ מארק, די אומבאוואָרנטקייט פונ דער עקזיסטענצ פאר דער מאסע באפעלקערונג.

מאכנדיק די ארבעטער מער אָפהענגיק פונעמ קאפיטאל, שאפט די קאפיטאליסטישע אָרדענונג די גרויסע מאכט פונ דער פאראייניקטער ארבעט.

פונ די ערשטע שפּראָצונגענ פונ דער סכוירע־ווירטשאפט, פונעמ איינפאכנ אויסטויש, האָט מארקס נאָכגעשפּירט די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ ביז זיינע העכסטע פאָרמענ, ביז דער גרויס־פּראָדוקציע.

אונ די דערפארונג פונ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער, — סיי פונ די אלטע, סיי פונ די נייע, — באווייזט באשיימפּערלעכ מיט יעדנ יאָר אנ אלצ גרעסערער אונ גרעסערער צאָל ארבעטער די ריכטיקייט פונ אָט דער מארקס לערע.

דער קאפּיטאליזמ האָט געזיגט אינ גאָר דער וועלט, אָבער דער דאָזיקער זיג איז נאָר אנ אריינפיר צומ זיג פונ דער ארבעט איבערנ קאפּיטאל.

III

ווענ ס'איז אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ דאָס לייבייגנטומ אונ אפ דער וויסער וועלט האָט זיכ באוויזנ די „פרייע" קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט, — האָט זיכ גלייכ ארויסגעוויזנ, אז די דאָזיקע פרייהייט באטייט א נייע סיסטעמ פונ אונטערדריקנ אונ עקספּלואטירנ די האָרעפּאשניקעס. פארשיידענע סאָציאליסטישע טעאָריעס האָבנ טייקעפּ גענומענ אנטשטיינ אלס אנ אָפּשפּיגלונג פונ דעמ דאָזיקנ יאָכ אונ אלס א פּראָטעסט קעגנ אימ. אָבער דער פריִקער סאָציאליזמ איז געווענ אנ אוטאָפּישער סאָציאליזמ. ער האָט קריטיקירט די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט, ער האָט זי פארורטיילט, ער האָט זי פארפלוכט, ער האָט געטרוימט וועגנ פארניכטנ זי, האָט פאנטאזירט וועגנ א בעסערער אָרדענונג, ער האָט געוואָלט איבערצייגנ די רייכע, אז עקספּלואטאציע איז ניט מאָראליש.

אָבער דער אוטאָפּישער סאָציאליזמ האָט ניט געקאָנט אָנווייזנ דעמ ווירקלעכנ אויסוועג. ער האָט ניט געקענט ניט דערקלערנ דעמ וועזנ פונ דער לוינ־שקלאפעריי בא דעמ קאפּיטאליזמ, ניט אנטדעקנ די געזעצנ פונ איר אנטוויקלונג, ניט געפינענ די געזעלשאפטלעכע קראפט, וואָס איז פייִק צו ווערנ א שעפער פונ דער נייער געזעלשאפט.

אָבער די שטורמישע רעוואָליוציעס, וואָס האָבנ באגלייט דאָס פאלנ פונ פעאָדאליזמ, פונ לייבייגנטומ, האָבנ אומעטומ אינ אייראָפּע אונ באזונדערס אינ פראנקרייכ, אלצ אָנשוילעכער אופגעדעקט דעמ קלאסנ־

קאמפ, אלס יעסאָד פונ דער גאנצער אנטוויקלונג אונ איר טרייבקראפט.

קיינ איינ ניצאָכנ פונ דער פּאָליטישער פרייהייט איבערנ קלאס לייבייגנטימער איז ניט דעראָבערט געוואָרנ אָנ א פארצווייפלטנ ווידערשטאנד. קיינ איינ קאפּיטאליסטיש לאנד האָט זיכ ניט אויסגעבילדעט אפ א מער אָדער ווייניקער פרייער דעמאָקראטישער באזע, אָנ א קאמפ ניט אפ לעבנ, נאָר אפ טויט — צווישנ די פארשיידענע קלאסנ פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט.

מארקס געניאלקייט באשטייט אינ דעמ, וואָס ער האָט באוויזנ פריער פאר אלעמענ צו מאכנ פונדאנענ אונ דורכצופירנ קאָנסעקווענט דעמ אויספיר, וועלכנ עס לערנט די וועלט־געשיכטע. דער דאָזיקער אויספיר איז די לערע וועגנ *קלאסנקאמפ*.

די מענטשנ זיינענ געווענ אונ וועלנ שטענדיק זיינ נארישע קאָרבאָנעס פונ גענארעריי אונ פונ זעלבסטגענארעריי אינ דער פּאָליטיק, ביז וואנענ זיי וועלנ זיכ ניט אויסלערנענ אופצוזוכנ הינטער יעדערליי מאָראלישע, רעליגיעזע, פּאָליטישע, סאָציאלע פראזנ, דעקלאראציעס, צוזאָגנ די *אינטערעסנ* פונ די אָדער יענע קלאסנ. די אָנהענגער פונ דער אלטער אָרדענונג וועלנ שטענדיק אָפּנארנ די אָנהענגער פונ רעפּאָרמעס אונ פארבעסערונגענ, ביז וואנענ זיי וועלנ פארשטיינ, אז יעדע אלטע אינסטיטוציע, ווי ווילד אונ פויל זי זאָל ניט אויסזענ, האלט זיכ אפ די קויכעס פונ די אָדער אנדערע הערשנדיקע קלאסנ. אונ קעדיי צו צעברעכנ דעמ ווידערשטאנד פונ די דאָזיקע קלאסנ, איז פאראנ *נאָר איינ* מיטל: אויסגעפינענ אינ דער געזעלשאפט גופע, וואָס רינגלט אונדז ארומ, אופקלערנ אונ אָרגאניזירנ צומ קאמפ אזוינע קרעפטנ, וואָס קענענ — אונ *מוזנ* לויט זייער געזעלשאפטלעכער לאגע — בילדנ די קראפט, וועלכע איז פייִק אראָפּשליידערנ דאָס אלטע אונ שאפנ דאָס נייע.

בלויז מארקס פילאָזאָפישער מאטעריאליזמ האָט אָנגעוויזנ דעמ פּראָלעטאריאט אנ אויסוועג פונ דער גייסטיקער שקלאפעריי, אינ וועלכער ס'האָבנ זיכ געפייניקט ביז איצט אלע אונטערגעדריקטע קלאסנ. בלויז מארקס עקאָנאָמישע טעאָריע האָט דערקלערט די ווירקלעכע לאגע פונעמ פּראָלעטאריאט אינ דער אלגעמיינער אָרדענונג פונ קאפּיטאליזמ.

אין גאָר דער וועלט, פונ אמעריקע ביז יאפּאָניע אונ פונ שוועדנ ביז דאָרעמ־אפריקע, מערנ זיכ די זעלבשטענדיקע אָרגאניזאציעס פונ פּראָלעטאריאט. ער ווערט אופגעקלערט אונ ווערט דערצויגנ, פירנדיק זיינ קלאסנקאמפ, ער באפרייט זיכ פונ די פאָרורטיילנ, וואָס הערשנ אינ דער בורזשואזער געזעלשאפט, ער באהעפט זיכ אלצ ענגער אונ לערנט זיכ מעסטנ די מאָס פונ זיינע דערפאָלגנ, ער פארהארטעוועט זיינע קרעפטנ אונ וואקסט ניט אָפּצוהאלטנ.

מארט 1913.

קארל מארקס

קארל מארקס איז געבאָרנ געוואָרנ דעמ 5־טנ מיי 1818 אינ דער שטאָט טריר (פּרייסנ, באמ ריינ). זיינ פאָטער איז געווענ אנ אדוואָקאט, א ייד, וואָס האָט אינ 1824 אָנגענומענ דעמ פּראָטעסטאנטומ. די פאמיליע איז געווענ א פארמעגלעכע, א קולטורעלע, אָבער ניט קיינ רעוואָליוציאָנערע. געענדיקט די גימנאזיע אינ טריר, איז מארקס אָנגעקומענ אינ אוניווערסיטעט אפּריער אינ באָנ, נאָכדעמ אינ בערלינ, האָט געשטודירט יוריספּרודענצ, אָבער מער פאר אלצ געשיכטע אונ פילאָזאָפיע. ער האָט געענדיקט דעמ קורס אינ 1841, צושטעלנדיק אנ אוניווערסיטעט־דיסערטאציע וועגנ עפּיקורס פילאָזאָפיע. לויט זיינע אָנשויונגענ איז מארקס דעמאָלט נאָכ געווענ א העגעליאנער אנ אידעאליסט. אינ בערלינ איז ער צוגעשטאנענ צומ קרייזל פונ די „לינקע העגעליאנער" (ברונאָ באוער אונ אנדערע), וואָס האָבנ געשטרעבט צו מאכנ פונ העגעלס פילאָזאָפיע אטעיסטישע אונ רעוואָליוציאָנערע אויספירנ.

נאָכנ ענדיקנ דעמ אוניווערסיטעט איז מארקס אריבערגעפאָרנ אינ באָנ, האָפנדיק צו ווערנ א פּראָפעסער. אָבער די רעאקציאָנערע פּאָליטיק פונ דער רעגירונג (אינ 1832 האָט זי אָפּגענומענ די קאפעדרע בא לודוויג פייערבאכנ, אינ 1836 האָט זי ווידער אָפּגעזאָגט זיכ צו צולאָזנ אימ אינ אוניווערסיטעט אונ אינ 1841 האָט זי אָפּגענומענ דאָס רעכט צו לייענענ לעקציעס אינ באָנ באמ יונגנ פּראָפעסער ברונאָ באוער) האָט געצווונגענ מארקסנ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ דער קאריערע פונ א געלערנטנ. די אנטוויקלונג פונ די אָנשויונגענ פונ דעמ לינקנ העגעליאנערטומ איז אינ דייטשלאנד דעמאָלט געגאנגענ פאָרויס זייער גיכ. לודוויג פייערבאכ הייבט אָנ, באזונדערס זינט 1836, צו קריטיקירנ די טעאָלאָגיע אונ א קער צו טאָנ זיכ צומ מאטעריאליזמ,

וואָס באקומט בא אימ אינגאנצנ די איבערהאנט אינ 1841 („דער מעהוס פונ קריסטנטומ״); אינ 1843 זיינענ ארויסגעגאנגענ זיינע „גרונט־האנאָכעס פונ דער צוקונפט־פילאָזאָפיע״. „מע האָט באדארפט איבערלעבנ די באפרייענדיקע ווירקונג פונ די דאָזיקע בײכער״, — האָט ענגעלס געשריבנ שפּעטער וועגנ אָט די ווערק פייערבאכס. — „מיר״ (ד. ה. די לינקע העגעליאנער, דערונטער אויכ מארקס) „זיינענ גלייכ געוואָרנ פייערבאכיאנער*. אינ דער צייט האָבנ די ריינישע ראדי־קאלע בירגער, וואָס האָבנ געהאט באריר־פּונקטנ מיט די לינקע העגעליאנער, געגרינדעט אינ קעלנ אנ אָפּאָזיציאָנעלע צייטונג: „די ריינישע צייטונג״ (זי האָט אָנגעהויבנ ארויסגיינ פונ ערשטנ יאנואר 1842). מארקס אונ ברונאָ באוער זיינענ געווענ איינגעלאדנ אלס הויפּט־מיטארבעטער, אונ אינ אָקטיאבער 1842 איז מארקס געוואָרנ דער הויפּט־רעדאקטער אונ איז אריבערגעפאָרנ פונ באָנ קיינ קעלנ. די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע ריכטונג פונ דער צייטונג איז בא מארקס רעדאקציע געוואָרנ אלצ באשטימטער, אונ די רעגירונג האָט צוערשט געשטעלט די צייטונג אונטער א דאָפּלטער אונ א דרייפא־כער צענזור אונ נאָכדעמ האָט זי באשלאָסנ פארמאכנ זי אינגאנצנ (דעמ ערשטנ יאנואר 1843). מארקס האָט צו יענער צייט געמוזט פארלאָזנ די רעדאקציע, אָבער זיינ אוועקגייענ האָט דאָכ ניט געראַ־טעוועט די צייטונג, אונ אינ מארט 1843 האָט מענ זי פארמאכט. פונ מארקס גרעסטע ארטיקלענ אינ דער „ריינישער צייטונג״ פארצייכנט ענגעלס, אכוצ די, וואָס ווערנ אָנגעוויזנ אונטנ (זע ליטעראטור**, נאָכ אנ ארטיקל וועגנ דער לאגע פונ די פויערימ ווייַנ־מאכער אינ טאָל פונעמ טייכ מאָזעל. די צייטונג־ארבעט האָט באוויזנ מארקסנ, אז ער איז ניט גענוג באקאנט מיט דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אונ ער האָט זיכ פלייסיק גענומענ זי שטודירנ.

אינ 1843 האָט מארקס כאסענע געהאט אינ קרייצנאכ מיט דזשעני פאָנ וועסטפאלנ, זיינ קינדהייט־פריינדנ, מיט וועלכער ער איז געווענ

---

* פ. ענגעלס, „לודוויג פייערבאכ״. ז. די רוסישע אויסגאבע, „גיז״ 1928, ז. 39 רעד.

** צומ סאָפ פונ דעמ ארטיקל האָט לענינ געגעבנ אנ אויספירלעכע איבערזיכט איבער דער מארקסיסטישער ליטעראטור אינ דער ליטעראטור וועגנ מארקסיזמ. זע ווערק, ב. XVIII, ז״ז 32—43. רעד.

פּאַרקנאַסט נאָכ אַלס סטודענט. זיינ פרוי האָט געהערט צו א פּריי־סישער רעאקציאָנערער אדל־פאמיליע. איר עלטערער ברודער איז גע־ווענ אינערנ־מיניסטער אינ פּרייסנ אינ איינער פונ דער סאמע רעאק־ציאָנערער עפּאָכע, אינ די יאָרנ 1850—1858. אינ הארבסט 1843 איז מארקס געקומענ צופאָרנ קיינ פּאריזש, קעדיי ארויסצוגעבנ אינ אויס־לאנד צוזאמענ מיט ארנאָלד רוגע (1882—1800), א לינקער העגעליא־נער, פונ 1825 ביז 1830 אינ טורמע, נאָכ 1848 אנ עמיגראנט; 1866—1870 ביסמארקס אנ אָנהענגער) א ראדיקאלנ זשורנאל. ארויס איז נאָר דאָס ערשטע ביכל פונ זשורנאל „דייטש־פראנצויזישער יאָר־בוכ”. דער זשורנאל האָט זיכ אָפּגעשטעלט איבער די שוועריקייטנ צו פארשפּרייטנ אימ געהיימ אינ דייטשלאנד און איבער די מיינונג־פארשיידנהייטנ מיט רוגע. אינ זיינע ארטיקלענ אינעמ דאָזיקנ זשור־נאל טרעט שוינ מארקס ארויס אלס א רעוואָליוציאָנער, וואָס פּראָקלא־מירט „די אָנראכמאָנעסדיקע קריטיק פונ אלצ, וואָס עקזיסטירט” און באזונדערס „די קריטיק פונ געווער”, וואָס אפּעלירט צו די מאסנ און צומ פּראָלעטאריאט.

אינ סענטיאבער 1844 איז קיינ פּאריזש געקומענ צופאָרנ אפ עט־לעכע טעג פרידריכ ענגעלס, און פונ יענער צייט אָנ איז ער געוואָרנ מארקס נאָענטסטער פריינט. זיי ביידע האָבנ גענומענ דעמ סאמע הייסנ אָנטייל אינ קאָכיקנ לעבנ פונ די רעוואָליוציאָנערע גרופּעס פונ פּא־ריזש (א באזונדערע באדייטונג האָט געהאט פּרודאָנס לערע, מיט וועל־כער מארקס האָט זיכ אנטשיידנ אָפּגערעכנט אינ זיינ „דאלעס פונ דער פילאָזאָפיע”, 1847) און האָבנ אויסגעארבעט — אינ שארפנ קאמפּ קעגנ די פארשיידענע טעאָריעס פונ קליינבירגערלעכנ סאָציאליזמ — די טעאָ־ריע און די טאקטיק פונ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטארישנ סאָציא־ליזמ אָדער קאָמוניזמ (מארקסיזמ). זע מארקס ווערק פונ יענער עפּאָכע, פונ 1844—1848, ווייטער: ליטעראטור*. אינ 1845 איז מארקס ארויסגעשיקט געוואָרנ פונ פּאריזש לויט דער פאָדערונג פונ דער פּריי־סישער רעגירונג, אלס א געפערלעכער רעוואָליוציאָנער. ער איז אריבערגעפאָרנ קיינ ברוסעל. פרילינג 1847 זיינענ מארקס און ענגעלס צוגעשטאנענ צו דער געהיימער פּראָפּאגאנדיסטישער געזעלשאפט „דער קאָמוניסטנ־בונד”, האָבנ גענומענ אנ אָנגעזעענעמ אָנטייל אינ דעמ

* ז. ווערק, ב. XVIII, ז.ז. 32—43. רעד.

צווייטנ צוזאמענפאָר פונ דעמ דאָזיקנ בונד (נאָיאבער 1847 אינ לאָנדאָנ) אונ האָבנ לויט זיינ אופטראָג אָנגעשריבנ דעמ בארימטנ „מאניפעסט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי", וואָס איז ארויס אינ פעווראל 1848. אינ דעמ דאָזיקנ ווערק איז מיט געניאלער קלאָרקייט אונ העלקייט געשילדערט געוואָרנ די נייע וועלט־אָנשויונג, דער קאָנסעקווענטער מאטעריאליזמ, וואָס נעמט אויכ ארומ דעמ געביט פונ סאָציאלנ לעבנ, די דיאלעקטיק, אלס די טאמע אלזייטיקע אונ טיפע לערע וועגנ דער אנטוויקלונג, די טעאָריע פונ קלאסנקאמפ אונ פונ דער וועלט־געשיכטלעכער רעוואָליוציאָנערער ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט, דעמ שעפער פונ דער נייער קאָמוניסטישער געזעלשאפט.

ווענ ס'איז אויסגעבראָכנ די פעוראל־רעוואָליוציע פונ 1848 איז מארקס ארויסגעשיקט געוואָרנ פונ בעלגיע. ער איז ווידער געקומענ צופאָרנ קיינ פאריזש אונ פונ דאָרטנ, נאָכ דער מארט־רעוואָליוציע — קיינ דייטשלאנד, קיינ קעלנ. דאָרטנ איז פונ ערשטנ יוני 1848 ביזנ 19־טנ מיי 1849 ארויסגעגאנגענ „די נייע ריינישע צייטונג"; איר הויפט־רעדאקטער איז געווענ מארקס. די נייע טעאָריע האָט זיכ גלענצנדיק באשטעטיקט אינ גאנג פונ די רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ פונ די יאָרנ 1848־1849, ווי עס האָבנ זי דערנאָכ באשטעטיקט אלע פראָלעטארישע אונ דעמאָקראטישע באוועגונגענ אינ אלע לענדער פונ דער וועלט. ווענ די קאָנטער־רעוואָליוציע האָט געזיגט, האָט זי צוערשט איבערגעגעבנ מארקסנ צומ געריכט (פרייגעשפראָכנ דעמ 9־טנ פעווראל 1849), אונ נאָכדעמ האָט זי אימ ארויסגעשיקט פונ דייטשלאנד (דעמ 16־טנ מיי 1849). מארקס איז אוועקגעפאָרנ צוערשט קיינ פאריזש, פונ דאָרטנ איז ער אויכ ארויסגעשיקט געוואָרנ נאָכ דער דעמאָנסטראציע פונ 3־טנ יוני 1849. דעמאָלט איז ער אוועקגעפאָרנ קיינ לאָנדאָנ, ווו ער האָט שוינ געוווינט ביזנ סאמע טויט.

די באדינגונגענ פונ עמיגראנטישנ לעבנ, וואָס זיינענ באזונדערס באשיימפערלעכ קלאָר געוואָרנ אינ דער קאָרעספּאָנדענצ צווישנ מארקסנ אונ ענגעלסנ (ארויסגעגעבנ אינ 1903), זיינענ געווענ אויסערסט שווער. די נויט האָט מאמעש געשטיקט מארקסנ אונ זיינ פאמיליע. ווענ ניט ענגעלסעס שטענדיקע מעסירעסנעפעשדיקע פינאנציעלע אונטערשטיצונג וואָלט מארקס ניט נאָר ניט געקאָנט ענדיקנ דעמ „קאפיטאל", ער וואָלט אומפארמיידלעכ אומגעקומענ אונטערנ דרוק פונ דאלעס.

כוצדעמ האָבנ די דאָמינירנדיקע טעאָריעס אונ שטרעמונגענ פונ דעמ קלײנבירגערלעכנ, ביכלאל פונ דעמ ניט־פּראָלעטארישנ סאָציאליזמ געצװוּנגענ מארקסנ שטענדיק צו פירנ אנ אָנראכמאָנעסדיקנ קאמפ, אָפטמאָל צומ אָפּװערנ די סאמע װילדסטע פערזענלעכע אָנפאלנ („Herr Vogt“). האלטנדיק זיכ אָנ א זײט פונ די עמיגראנטישע קרײזלעכ, האָט מארקס אינ א רײ היסטאָרישע ארבעטנ (זע ליטעראטור) פאנאנדערגעארבעט זײנ מאטעריאליסטישע טעאָריע, אָפּגעבנדיק די קויכעס דעריקער אפ שטודירנ די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. די דאָזיקע װיסנשאפט האָט מארקס רעװאָליוציאָניזירט (זע אונטנ מארקס לערע) אינ זײנע װערק „צו דער קריטיק פונ דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“ (1859) אונ „קאפּיטאל“ (באנד I, 1867).

די עפּאָכע — סאָפ 50־ער אונ די 60־ער יאָרנ — װענ עס האָבנ אופגעלעבט די דעמאָקראטישע באװעגונגענ, האָט װידער אופגעפּאָדערט מארקסנ צו פּראקטישער טעטיקײט. אינ 1864 (דעמ 28 סענטיאבער) איז אינ לאָנדאָנ געגרינדעט געװאָרנ דער בארימטער ערשטער אינטערנאציאָנאל, „די אינטערנאציאָנאלע ארבעטער־געזעלשאפט“. מארקס איז געװענ די נעשאָמע פונ דער דאָזיקער געזעלשאפט, דער אװטער פונ איר ערשטער „װענדונג“ אונ פונ א מאסע רעזאָליוציעס, דעקלאראציעס, מאניפעסטנ. פאראײניקנדיק די ארבעטער־באװעגונג פונ פארשײדענע לענדער, סטארענדיק זיכ צו ריכטנ אינ פארװאטער פונ געמײנזאמער טעטיקײט די פארשײדענע פאָרמענ פונעמ ניט־פּראָלעטארישנ פאָר־מארקסיסטישנ סאָציאליזמ (מאדזיני, פּרודאָנ, באקונינ, דער ענגלישער ליבעראלער טרײד־יוניאָניזמ, די לאסאליאנישע װאקלונגענ אפ רעכטס אינ דײטשלאנד א.א.װ.), קעמפנדיק קעגנ די טעאָריעס פונ די אלע סעקטעס אונ שולנ, האָט מארקס אויסגעשמידט די אײנהײטלעכע טאקטיק פונ פּראָלעטארישנ קאמפ פונעמ ארבעטער־קלאס אינ די פארשײדענע לענדער. נאָכנ פאלנ פונ דער פּאריזשער קאָמונע (1871), װאָס מארקס האָט זי אזוי טיפ, טרעפלעכ, גלענצנדיק אונ א ק ט י װ, רעװאָליוציאָנער אָפּגעשאצט („דער בירגער־קריג אינ פראנקרײכ אינ 1871“), אונ נאָכ דער שפּאלטונג פונ דעמ אינטערנאציאָנאל, װאָס די באקונינסטנ האָבנ ארויסגערופנ, איז זײנ עקזיסטענצ אינ אײראָפּע געװאָרנ אוממעגלעכ. מארקס האָט דורכגעפירט נאָכנ האאגער קאָנגרעס פונ אינטערנאציאָנאל (1872) א באשלוס, אז דער גענעראל־ראט פונ אינטערנא־

ציאָנאל זאָל אריבערגעטראָגן ווערן קיין ניו־יאָרק. דער ערשטער אינטערנאציאָנאל האָט געענדיקט זיין היסטאָרישע ראָליע, אָפּטרעטנדיק זיין אָרט דער עפּאָכע פון אָן אן ערעכ א גרעסערן וווקס פון דער ארבעטער־באוועגונג אין אלע לענדער פון דער וועלט, — דער עפּאָכע פון וווקס אין דער ברייט אפ דער באזע פון שאפן מאסעווע סאָציאליסטישע ארבעטער־פּארטייען אפ דער באזע פון די באזונדערע נאציאָנאלע מעלוכעס.

די אינטענסיווע ארבעט פון אינטערנאציאָנאל און נאָך מער די אינטענסיווע טעאָרעטישע ארבעט האָבן ענדגילטיק אונטערגעריסן מארקס געזונט. ער האָט פּאָרגעזעצט איבערארבעטן די פּאָליטישע עקאָנאָמיע און ענדיקן דעם „קאפּיטאל”, זאמלענדיק א מאסע נייע מאטעריאלן און שטודירנדיק א ריי שפּראכן (צום ביישפּיל רוסיש), אָבער די קראנקייט האָט אים ניט געלאָזן ענדיקן דעם „קאפּיטאל”.

דעם 2־טן דעקאבער 1881 איז געשטאָרבן זיין פרוי, דעם 14־טן מארט 1883 איז מארקס שטיל איינגעשלאָפן אפ אייביק אין זיין פּאָטעל. ער איז באגראָבן געוואָרן צוזאמען מיט זיין פרוי און מיט זיין געטרייער דינסט, קימאט א פאמיליע־מיטגליד, העלענע דעמוט, אפן בעסאָלמען הייגעט אין לאָנדאָן.

מארקס לערע

דער מארקסיזם — איז די סיסטעם פון מארקס אָנשויונגען און לערע. מארקס איז געווען דער פּאָרזעצער און דער געניאלער פּארענדיקער פון די דריי אידייִשע הויפּט־שטרעמונגען פון 19־טן יאָרהונדערט, וואָס געהערן די דריי סאמע פּאָרגעשריטענע לענדער פון דער מענטשהייט: פון דער קלאסישער דייטשישער פילאָזאָפיע, דער קלאסישער ענגלישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און פון פראנצויזישן סאָציאליזם, אין צוזאמענהאנג מיט די פראנצויזישע רעוואָליוציאָנערע טעאָריעס ביכלאל. די מערקווירדיקע קאָנסעקווענטקייט און די גאנצקייט פון מארקס אָנשויונגען, — וואָס אפילע זיינע קעגנער אָנערקענען דאָס — וואָס גיבן אין זייער סאכאקל דעם מאָדערנעם מאטעריאליזם און דעם מאָדערנעם וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם אלס טעאָריע און פּראָגראם פון דער ארבעטער־באוועגונג פון אלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט, צווינגט אונדז געבן פארן איבערגעבן דעם הויפּט־אינהאלט פון

מאַרקסיזם, — פאַרן איבערגעבן מאַרקס עקאָנאָמישע לערע, — אַ קורצע סקיצע פון זיין וועלט־אָנשויונג ביכלאַל.

דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם

זינט 1844־1845, ווען מאַרקס אָנשויונגען האָבן זיך אויסגעפורעמט, איז ער געווען אַ מאַטעריאַליסט, ביפּראַט אַן אָנהענגער פון ל. פייערבאַכן, אײַנזעענדיק אויך שפּעטער זיינע שוואַכע זייטן אויסשליסלעך אין דער ניט־גענוגער קאָנסעקווענטקייט און אַלזייטיקייט פון זיין מאַטעריאַליזם. פייערבאַכס וועלט־געשיכטלעכע „עפּאָכע־מאַכנדיקע" באַדייטונג האָט מאַרקס איינגעזען גראָד אין אינעם אַנטשיידענעם איינרייס מיט העגעלס אידעאַליזם און אינעם פּראָקלאַמירן דעם מאַטעריאַליזם, וואָס איז נאָך „אין 18־טן יאָרהונדערט, באַזונדערס אין פראַנקרייך, געווען דער קאַמף ניט נאָר קעגן די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע אַנשטאַלטן און צוזאַמען דערמיט אויך קעגן דער רעליגיע און דער טעאָלאָגיע, נאָר אויך... קעגן יעדער מעטאַפיזיק" (אין דעם זין פון „שיקערער ספּעקוליאַציע" צום אונטערשייד פון דער „ניכטערער פילאָזאָפיע") („די הייליקע פאַמיליע" אין דער „ליטעראַרישער ירושע").

„פאַר העגעלן, — האָט מאַרקס געשריבן, — איז דער פּראָצעס פון דענקען, וועלכן ער פאַרוואַנדלט אַפילע אונטערן נאָמען פון אידיי אין אַ זעלבשטענדיקן סוביעקט, דער דעמיורג (דער שאַפער) פון דער ווירקלעכקייט... בא מיר איז, פאַרקערט, דאָס אידעאַלע ניט מער ווי דאָס מאַטעריעלע, וואָס איז איבערגעפּלאַנצט אין מענטשלעכן קאָפּ און איבערגעשטאַלט געוואָרן אין אים" („קאַפּיטאַל" I, פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע).

אין פולן איינקלאַנג מיט אָט דער מאַרקס מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, האָט פרידריך ענגעלס געשריבן, איבערגעבנדיק זי אין „אַנטי־דיורינג" (מאַרקס האָט זיך באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן ווערק אין מאַנוסקריפּט):

„...די איינהייט פון דער וועלט באַשטייט ניט אין איר זיין, נאָר אין איר מאַטעריעלקייט, וואָס ווערט דערוויזן... דורך דער לאַנגער און שווערער אַנטוויקלונג פון דער פילאָזאָפיע און פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. ...די באַוועגונג איז אַ פאָרם פון עם זיין פון דער מאַטעריע. אין ערגעץ

און קיינמאָל איז ניט געווענ און קענ ניט זיינ
קיינ מאטעריע אָנ באוועגונג, קיינ באוועגונג אָנ מאטעריע...
ווענ מע זאָל שטעלנ די פראגע... וואָס איז אזוינס דאָס דענ־
קענ און די דערקענטעניש, פונוואנענ נעמענ זיי זיכ, וועלנ
מיר דערזענ, אז זיי זיינענ פראָדוקטנ פונעמ מענטשלעכנ מויעכ
און אז דער מענטש אליינ איז א נאטור־פראָדוקט, וואָס
האָט זיכ אנטוויקלט אינ א געוויסער נאטור־אומגעבונג און
צוזאמענ מיט איר. עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז אדאנק
דעמ, וואָס די פראָדוקטנ פונ דעמ מענטשלעכנ מויעכ, וועל־
כע זיינענ אינ דער אונטערשטער שורע אויכ נאטור־פראָדוקטנ,
ווידערשפּרעכנ ניט דעמ גאנצנ צוזאמענהאנג פונ דער
נאטור, נאָר זיי אנשפּרעכנ אימ". „העגעל איז געווענ אנ אי־
דעאליסט, ד.ה. פאר אימ זיינענ די געדאנקענ פונ אונדזער
קאָפּ געווענ ניט קיינ מער אָדער ווייניקער אבסטראקטע אָפּביל־
דער (אָפּשפּיגלונגענ, אמאָל רעדט ענגעלס וועגנ „אָפּדרוקנ")
פונ דיווירקלעכע זאכנ און פּראָצעסנ, נאָר, פארקערט, די זאכנ
אינ זייער אנטוויקלונג זיינענ פאר העגעלנ געווענ אָפּשפּיגלונגענ
פונ עפּעס אנ אידיי, וואָס האָט ערגעצ עקזיסטירט פאר דער
אנשטייונג פונ דער וועלט".

אינ זיינ ווערק „לודוויג פייערבאכ", ווו פרידריכ ענגעלס גיט
איבער זיינע און מארקס אָנשויונגענ אפ פייערבאכס פילאָזאָפיע (ענ־
געלס האָט אימ אָפּגעשיקט אינ דרוק, האָבנדיק אפריער דורכגעלייענט
זיינ און מארקס אלטנ מאנוסקריפּט פונ די יאָרנ 1844־1845 איבער דער
פראגע וועגנ העגעלנ, פייערבאכנ און דער מאטעריאליסטישער אופא־
סונג פונ דער געשיכטע), שרייבט ענגעלס:

„די גרויסע גרונט־פראגע פונ יעדער פילאָזאָפיע, באזונ־
דער פונ דער נייסטער פילאָזאָפיע, איז די פראגע וועגנ דער
באציונג פונעמ דענקענ צומ זיינ, פונעמ גייסט צו דער נאטור...
וואָס איז פריער פאר וואָס: דער גייסט פאר דער נאטור אָדער
די נאטור פארנ גייסט ...די פילאָזאָפנ האָבנ זיכ צעטיילט אינ
צוויי גרויסע לאגערנ, לויט דעמ, ווי זיי האָבנ געענטפערט אפ
דער דאָזיקער פראגע. די, וואָס האָבנ באהויפּט, אז דער גייסט
האָט עקזיסטירט פאר דער נאטור און וואָס האָבנ בעמיילע אזוי

אָדער אנדערש אָנערקענט די שאפונג פונ דער וועלט, ...האָבנ געבילדעט דעם אידעאליסטישנ לאגער. די, ווידער, וואָס האָבנ געהאלטנ די נאטור פארנ גרונט־עלעמענט, זיינענ צוגעשטאנענ צו די פארשיידענע שולנ פונ מאטעריאליזם״.

יעדער אנדער געברויכ פונ די באגריפנ (דער פילאָזאָפישער) אידעאליזם אונ מאטעריאליזם ברענגט נאָר צו א פלאָנטער. מארקס האָט קאטעגאָריש אָפּגעוואָרפנ ניט נאָר דעם אידעאליזם, וואָס איז שטענדיק פארבונדנ אזוי צי אנדערש מיט דער רעליגיע, נאָר אויכ יומס אונ קאנטס שטאנדפונקט, וואָס איז פארשפרייט באזונדערס אינ אונדזערע צייטנ, דעם אגנאָסטיציזם, דעם קריטיציזם, דעם פּאָזיטיוויזם אינ זיינע פארשיידענע געשטאלטנ, האלטנדיק, אז אזא פילאָזאָפיע איז א „רעאקציאָנערע״ האנאָכע דעם אידעאליזם אונ אינ בעסטנ פאל איז דאָס „שעמעוודיק ארײנלאָזנ דורכ דער הינטער־טיר דעם מאטעריאליזם, וואָס פארנ אוילעמ אינ די אויגנ טרייבט מענ אימ ארויס״.

זע וועגנ דער פראגע, אכוץ ענגעלסעס אונ מארקס דערמאָנטע ווערק, אויכ מארקס בריוו צו ענגעלסנ פונ 12 דעקאבער 1866. פארצייכענענדיק אינעם דאָזיקנ בריוו די „מער מאטעריאליסטישע״, — איידער געוויינלעכ, — ארויסטרעטונג פונעמ באוווסטנ נאטור־פאָרשער ט. העקסלי אונ זיינ אנערקענונג, אז אפ וויפל „מיר באָבאכטנ ווירקלעכ אונ מיר דענקענ, קאָנענ מיר קיינמאָל ניט ארויסגיינ פונעמ באָדנ פונ מאטעריאליזמ״, מאכט אימ מארקס א פאָרוורפ, אז ער זוכט א „שפארונקעלע״ אינ דער ריכטונג צומ אגנאָסטיציזם, צומ יומיזם. באזונדערס דארפ מענ פארצייכענענ מארקס קוק אפ דער באציונג פונ דער פרייהייט צו דער נויטווענדיקייט: „בלינד איז די נויטווענדיקייט קאָלזמאנ מע האָט זי ניט באנומענ. די פרייהייט איז דער באוווסטזיינ פונ דער נויטווענדיקייט״ (ענגעלס אינ „אנטי־דיורינג״), די אָנערקענונג פונ דער אָביעקטיווער געזעצמעסיקייט פונ דער נאטור אונ פונ דער דיאלעקטישער פארוואנדלונג פונ דער נויטווענדיקייט אינ פרייהייט (באגלייכ מיט דער פארוואנדלונג פונ דער ניט־דערקענטער, אָבער דערקענבארע, „זאכ אינ זיכ״ אינ „א זאכ פאר אונדז״, דעמ „מעהוס פונ די זאכנ״ אינ „דערשיינונגענ״). פארנ גרונט־כיסאָרנ פונעמ „אלטנ״, דערונטער אויכ פייערבאכישנ (אונ ביפראט נאָכ ביכ־

נערס — פאָגטס — מאָלעשאָטס „וואולגארנ״) מאטעריאליזמ האָבנ מארקס און ענגעלס געהאלטנ (1) דאָס, וואָס דער דאָזיקער מאטעריאליזמ איז געווענ „דעריקער א מעכאנישער״, האָט ניט דיסקאָנטירט די גייסטע אנטוויקלונג פונ דער כעמיע און דער ביאָלאָגיע (און אינ אונדזערע צייטנ וואָלט מענ נאָכ באדארפט צוגעבנ: פונ דער עלעקטרישער טעאָריע וועגנ דער מאטעריע); (2) דאָס, וואָס דער אלטער מאטעריאליזמ איז געווענ ניט היסטאָריש, ניט דיאלעקטיש (מעטאפיזיש אינ זינ פונ אנטידיאלעקטיק), וואָס ער האָט ניט דורכגעפירט קאָנסעקווענט און אלזייטיק דעמ שטאנדפונקט פונ אנטוויקלונג; (3) דאָס, וואָס זיי האָבנ פארשטאנענ דעמ „מעהוס פונעמ מענטשנ״ אבסטראקט און ניט ווי א „סכומ״ פונ (באשטימטע קאָנקרעט־היסטאָרישע) „אלע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ״ און דערפאר האָבנ זיי נאָר „דערקלערט״ די וועלט, אינ דער צייט, ווענ עס האנדלט זיכ וועגנ „ענדערנ״ זי, ד. ה. זיי האָבנ ניט פארשטאנענ די באדייטונג „פונ דער רעוואָליוציאָנערער פראקטישער טעטיקייט״.

די דיאלעקטיק

העגעלס דיאלעקטיק, אלס די סאמע אלזייטיקע, אינהאלטרייכע און טיפע לערע וועגנ דער אנטוויקלונג, האָבנ מארקס און ענגעלס געהאלטנ פאר דער גרעסטער דערשיינונג פונ דער קלאסישער דייטשישער פילאָזאָפיע. יעדע אנדערע פאָרמולירונג פונעמ פרינציפ פונ אנטוויקלונג, פונ עוואָליוציע האָבנ זיי געהאלטנ פאר אנ איינזייטיקע, אינהאלט־אָרעמע, פאר אזא, וואָס פארקריפלט און קאליעטשעט דעמ ווירקלעכנ גאנג פונ דער אנטוויקלונג (מיט שפרונגענ, קאטאסטראָפעס, רעוואָליוציעס) אינ דער נאטור און אינ דער געזעלשאפט.

„איכ און מארקס זיינענ געווענ שיר ניט די איינציקע מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ געשטעלט די אויפגאבע״ (פונעמ צעגראָמירנ דעמ אידעאליזמ און דערונטער אויכ דעמ העגעליאנערטומ) „ארויסצוראטעווענ די באוווסטזיניקע דיאלעקטיק און אריבערפירנ זי אינ דער מאטעריאליסטישער אויפאסונג פונ דער נאטור״. „די נאטור איז די באשטעטיקונג פונ דער דיאלעקטיק, און גראָד די נייסטע נאטור־וויסנשאפט באווייזט, אז די דאָזיקע באשטעטיקונג איז אנ אומגעווייגלעכ רייכע״ (דאָס איז געשריבנ

פאר דער אנטדעקונג פונ ראדי, פונ די עלעקטראָנעג, פונ דער פארוואנדלונג פונ עלעמענטנ א. א. וו.!), „וואָס זאמלט אָנ יעדנ טאָג א מאסע מאטעריאלנ אונ דערווייזט, אז אינ דער נאטור איז אינ דער אונטערשטער שורע אלצ דיאלעקטיש אונ ניט מעטאַפיזיש".

„דער גרויסער גרונט־געדאנק, — שרייבט ענגעלס, — אז די וועלט באשטייט ניט פונ פארטיקע, פארענדיקטע זאכנ, נאָר זי שטעלט פאָר מיט זיכ א סכום פראָצעסנ, ווו די זאכנ, וואָס דוכטנ זיכ אויס צו זיינ ניט פארענדערלעכ, ווי אויכ די געדאנקענ־פאָטאָגראפיעס זייערע, וואָס דער קאָפּ מאכט, די באגריפנ, געפינענ זיכ איינ אינ אנ אָנופהערלעכער ענדערונג, דאָ אנטשטייענ זיי אונ דאָ ווערנ זיי פארניכטעט, — אָט דער גרויסער גרונט־געדאנק איז זינט העגעלנ אזוי ווייט אריינ אינעם אלגעמיינעם באוווסטזיינ, אז איכ וויים ניט, צי עס וועט אימ עמעצער באַשטרייטנ אינ זיינ אלגעמיינעם געשטאלט. אָבער איינ זאכ איז אנערקענענ אימ אפנ וואָרט אונ אנ אנדער זאכ איז אָנווענדנ אימ אינ יעדנ איינצלנעמ פאל אונ אינ יעדנ געגעבענעמ פאָרשונג־געביט". „פאר דער דיאלעקטישער פילאָזאָפיע איז גאָרנישט ניטאָ אזוינס, וואָס זאָל זיינ איינמאָל פאר אלעמאָל פעסטגעשטעלט, אבסאָליוט, הייליק. אפּ אלצ אונ אינ אלצ זעט זי דעמ שטעמפּל פונ אומפארמיידלעכנ פאלנ, אונ קיינ זאכ קאָנ ניט איינשטיינ קעגנ איר, אכוצ דעמ אָנופהערלעכנ פראָצעס פונ אנטשטייונג אונ פארניכטונג, פונ אָנענדלעכנ שטייגנ פונ נידעריקערנ צומ העכערנ. זי אליינ איז ניט מער, ווי א פּאָשעטע אָפּשפּיגלונג פונ דעמ זעלבנ פראָצעס אינעמ דענקענדיקנ מויעכ".

אזויארומ איז די דיאלעקטיק, לויט מארקסנ,

„די וויסנשאפט וועגנ די אלגעמיינע געזעצנ פונ דער באַוועגונג, סיי פונ דער אויסערלעכער וועלט, סיי פונ דעמ מענטשלעכנ דענקענ".

אָט די — רעוואָליוציאָנערע — זייט פונ העגעלס פילאָזאָפיע האָט מארקס אופגענומענ אונ אנטוויקלט. דער דיאלעקטישער מאטעריאליזמ

„בייטיקט זיכ ניט אינ קיינ פילאָזאָפיע, וואָס שטייט איבער די אנדערע וויסנשאפטנ".

פונ דער פריערדיקער פילאָזאָפיע בלייבט „די לערע וועגנ דעמ דענקענ אונ וועגנ די געזעצנ פונ דענקענ — די פאָרמעלע לאָגיק אונ די דיאלעקטיק".

אונ די דיאלעקטיק, אינ מארקס אופאסונג, שליסט איינ אינ זיכ, אויכ לויט העגעלנ, דאָס, וואָס מע רופט איצט דערקענטעניש־טעאָריע, די גנאָסעאָלאָגיע, וועלכע דארפ באטראכטנ איר אָביעקט אויכ היסטאָריש, שטודירנדיק אונ פאראלגעמיינערנדיק די אָפשטאמונג אונ די אנטוויקלונג פונ דער דערקענטעניש, דעמ אריבערגאנג פונ ניטוויסנ צו דערקענטעניש.

אינ אונדזער צייט איז די אידיי וועגנ דער אנטוויקלונג, וועגנ דער עוואָליוציע, קימאט אינגאנצנ אריינ אינ געזעלשאפטלעכנ באוווסטזיינ, נאָר מיט אנדערע וועגנ, ניט דורכ העגעלס פילאָזאָפיע. אָבער די דאָזיקע אידיי אינ דער פאָרמולירונג, וואָס מארקס אונ ענגעלס האָבנ געגעבנ, שטיצנדיק זיכ אפ העגעלנ, איז אסאכ מער אלזייטיק, אסאכ מער אינהאלטרייכ, איידער די גאנגבארע אידיי וועגנ עוואָליוציע. די אנטוויקלונג, וואָס זי כאזערט איבער די שוינ דורכגעמאכטע שטופנ, אָבער זי כאזערט זיי איבער אנדערש, אפ א העכערער באזע („די נעגאציע פונ דער נעגאציע"), די אנטוויקלונג, אזוי צו זאָגנ, לויט דער ספיראל אונ ניט לויט א גראָדער ליניע; — די אנטוויקלונג א שפרונגארטיקע, א קאטאסטראָפישע, א רעוואָליוציאָנערע; — „די איבעררייסנ פונ דער בעהאדראָגעדיקייט"; — די פארוואנדלונג פונ דער קוואנטיטעט אינ קוואליטעט; — די אינערלעכע אימפולסנ צו דער אנטוויקלונג, וועלכע עס גיט דער ווידערשפרוכ, דער צוזאמענשטויס פונ פארשיידענע קרעפטנ אונ טענדענצנ, וועלכע ווירקנ אפנ געגעבענעמ קערפער אָדער אינ די ראמענ פונ דער געגעבענער דערשיינונג אָדער אינ דער געגעבענער געזעלשאפט; — די קעגנזייטיקע אָפהענגיקייט אונ די ענגסטע — ניט צו צעשיידנ — פארבינדונג פונ אלע זייטנ פונ יעדער דערשיינונג (דערביי אנטדעקט די געשיכטע אלצ נייע אונ נייע זייטנ), די פארבינדונג, וואָס גיט דעמ איינהייטלעכנ, געזעצמעסיקנ וועלט־פראָצעס פונ דער באוועגונג, — אָט דאָס זיינענ אייניקע שטריכנ פונ דער דיאלעקטיק, אלס א מער אינהאלטרייכע (איידער די געוויינלעכע) לערע וועגנ אנטוויקלונג. (פארגלייכ מארקס בריוו צו ענגעלסנ פונ 8־טנ יאנוואר 1868, ווו ער מאכט כויזעק איבער

שטײנס „הילצערנע טריכאָטאָמיעס“, וואָס עס איז אַן אומזין צו צו־
נויפמישן זײ מיט דער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק).

די מאַטעריאַליסטישע אופאַסונג פון דער געשיכטע

דער באַוווּסטזײן פון דער ניט־קאָנסעקווענטקײט, פון דער ניט־
פאַרענדיקטקײט, פון דער אײנזײטיקײט פונעם אַלטן מאַטעריאַליזם
האָט געבראַכט מאַרקסן צו דער איבערצײגונג, אַז מע דאַרף

„קאָאָרדינירן די וויסנשאַפט וועגן דער געזעלשאַפט מיט
דער מאַטעריאַליסטישער באַזע און איבערבויען זי לויט
דער דאָזיקער באַזע“.

אויב דער מאַטעריאַליזם בכלל דערקלערט דער באַוווּסטזײן פו־
נעם זײן, און ניט פאַרקערט, איז אין דער אָנווענדונג צום געזעל־
שאַפטלעכן לעבן פון דער מענטשהײט האָט דער מאַטעריאַליזם געפאָ־
דערט דערקלערן דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײן פונעם גע־
זעלשאַפטלעכן זײן.

„די טעכנאָלאָגיע, — זאָגט מאַרקס („קאַפּיטאַל“, באַנד I), —
דעקט אויף דעם מענטשנס אַקטיווע באַציִונג צו דער נאַטור, דעם די־
רעקטן פּראָצעס פון פּראָדוצירן זײן לעבן, און צוזאַמען דער־
מיט אויך זײנע געזעלשאַפטלעכע לעבנ־באַדינגונגען און די
גײסטיקע פאָרשטעלונגען, וואָס דרינגען אַרויס פון זײ“.

אַ פאַרגאַנצטע פאָרמולירונג פון די גרונט־האַנאָכעס פונעם מאַ־
טעריאַליזם, וואָס איז פאַרשפּרײט געוואָרן אויף דער מענטשלעכער
געזעלשאַפט און אויף זײן געשיכטע, האָט מאַרקס געגעבן אין זײן פאָר־
וואָרט צום ווערק „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“
אין אַזעלכע ווערטער:

„אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע פון זײער לעבן
טרעטן די מענטשן אַרײן אין באַשטימטע, נײטיקע, פון זײער
ווילן אומאָפּהענגיקע פאַרהעלטענישן — פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן,
וואָס אַנטשפּרעכן אַ באַשטימטער אַנטוויקלונג־שטופע פון זײערע
מאַטעריעלע פּראָדוציר־קרעפטן.

דער סכום פון די דאָזיקע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן ביל־
דעט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, דעם
רעאַלן באַזיס, וואָס איבער אים דערהײבט זיך דער יורידישער,

פאָליטישער אויבערגעבוי אונ אימ אנטשפּרעכנ באשטימטע פאָרמענ פונ געזעלשאפטלעכנ באוווסטזיינ. דער אויפנ פונ פּראָדוצירנ דאָס מאטעריעלע לעבנ איז גורעם דעמ סאָציאלנ, פאָליטישנ אונ גייסטיקנ לעבנ־פּראָצעסנ ביכלאל. ניט דער באוווסטזיינ פונ די מענטשנ באשטימט זייער זיינ, נאָר פארקערט, זייער געזעלשאפטלעכ זיינ באשטימט זייער באוווסטזיינ. אפּ א געוויסער שטופּע פונ זייער אנטוויקלונג קומענ די מאטעריעלע פּראָדוציר־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט אינ א ווידערשפּרוכ מיט די עקזיסטירנדיקע פּראָדוציר־פארהעלטענישנ, אָדער — דאָס איז ניט מער, ווי א יורידישער אויסדרוק דערפונ — מיט די אייגנטומ־פארהעלטענישנ, אינ וועלכע זיי האָבנ זיכ ביז דעמאָלט אנטוויקלט. פונ פאָרמענ פאר דער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוציר־קרעפטנ ווערנ די דאָזיקע פארהעלטענישנ פארוואנדלט אינ זייערע קייטנ. דעמאָלט קומט די עפּאָכע פונ דער סאָציאלער רעוואָלוציע. מיט דער ענדערונג פונ דער עקאָנאָמישער באזע קומט פאָר מער אָדער ווייניקער גיכ אנ איבערקערעניש אינעמ גאנצנ קאָלאָסאלנ אויבערגעבוי. באמ באטראכטנ אזוינע איבערקערענישנ דארפ מענ שטענדיק אונטערשיידנ די מאטעריעלע איבערקערעניש אינ די עקאָנאָמישע פּראָדוציר־באדינגונגענ, — וואָס ווערט קאָנסטאטירט מיט נאטורוויסנשאפטלעכער פּינקטלעכקייט, — פונ די יורידישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע, קינסטלערישע אָדער פילאָזאָפישע, קורצ: פונ די אידעאָלאָגישע פאָרמענ, אינ וועלכע די מענטשנ באנעמענ אָט דעמ קאָנפליקט אונ קעמפנ קעגנ אימ.

ווי מע קאָנ ניט אורטיילנ וועגנ אנ איינצלנעמ מענטשנ אפּנ סמאכ פונ דעמ, וואָס ער אליינ מיינט וועגנ זיכ, פּונקט אזוי קאָנ מענ ניט אורטיילנ וועגנ אזא איבערקערעניש־עפּאָכע לויט איר באוווסטזיינ. פארקערט, דעמ דאָזיקנ באוווסטזיינ דארפ מענ דערקלערנ פונ די ווידערשפּרוכנ פונעמ מאטעריעלנ לעבנ, פונעמ פאראנענעמ קאָנפליקט צווישנ די געזעלשאפטלעכע פּראָדוציר־קרעפטנ אונ די פּראָדוציר־פארהעלטענישנ...". „אינ אלגעמיינע שטריכנ קאָנ מענ באצייכענענ דעמ אזיאטישנ, דעמ אנטיקנ, דעמ פעאָדאלנ אונ דעמ היינטצייטיקנ בורזשואזנ פּראָדוציר־

אויפנ אלס פראָגרעסיווע עפּאָכעס פונ דער עקאָנאָמישער געזעלשאפטלעכער פאָרמאציע". (פארגלייכ מארקס קורצע פאָרמולירונג אינעם בריוו צו ענגעלסנ פונ 7־טנ יולי 1866: „אונדזער טעאָריע וועגנ באשטימענ די אָרגאניזאציע פונ דער ארבעט דורכ די פראָדוציר־מיטלענ").

די אנטדעקונג פונ דער מאטעריאליסטישער אופאסונג פונ דער געשיכטע, אָדער, ריכטיקער, דאָס קאָנסעקווענטע פאָרזעצנ, דאָס פארשפרייטנ דעמ מאטעריאליזמ אפנ געביט פונ די געזעלשאפטלעכע דערשיינונגענ האָט באזייטיקט די צוויי הויפּט־כעסרוינעס פונ די פריערדיקע היסטאָרישע טעאָריעס. ערשטנס, האָבנ זיי אינ בעסטנ פאל באטראכט נאָר די אידייִשע מאָטיוונ פונ דער געשיכטלעכער טעטיקייט פונ די מענטשנ, ניט אויספאָרשנדיק, וואָס עס רופט ארויס די דאָזיקע מאָטיוונ, ניט אופכאפנדיק די אָביעקטיווע געזעצמעסיקייט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער סיסטעמ פונ די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ, ניט איינזעענדיק די וואָרצלענ פונ די דאָזיקע פארהעלטענישנ אינ דער אנטוויקלונג־שטופע פונ דער מאטעריעלער פראָדוקציע; צווייטנס, די פריערדיקע טעאָריעס פלעגנ ניט ארומנעמענ גראָד די האנדלונגענ פונ די מ א ס נ באפעלקערונג, אונ דער היסטאָרישער מאטעריאליזמ האָט צומ ערשטנ מאָל געגעבנ די מעגלעכקייט אויסצופאָרשנ מיט נאטור־וויסנשאפטלעכער פינקטלעכקייט די געזעלשאפטלעכע לעבנ־באדינגונגענ פונ די מאסנ אונ די ענדערונגענ פונ די דאָזיקע באדינגונגענ. די פאָר־מארקסישע „סאָציאָלאָגיע" אונ היסטאָריאָגראפיע פלעגט אינ ב ע ס ט נ פאל געבנ א זאמלונג פונ רויע, פראגמענטאריש אָנגעקליבענע פאקטנ, אונ א שילדערונג פונ איינצלנע זייטנ פונעמ היסטאָרישנ פראָצעס. דער מארקסיזמ האָט אָנגעוויזנ דעמ וועג צומ אלצ אומפאסנדיקנ, אלזייטיקנ שטודירנ דעמ פראָצעס פונ דער אנטשטייונג, אנטוויקלונג אונ יערידע פונ די געזעלשאפטלעכ־עקאָנאָמישע פאָרמאציעס, באטראכטנדיק דעמ ס כ ו מ פונ אלע ווידערשפרעכלעכע טענדענצנ, דערפירנדיק זיי צו די לעבנ־באדינגונגענ אונ פראָדוציר־באדינגונגענ פונ די פארשיידענע געזעלשאפטלעכע ק ל א ס נ, וועלכע (די באדינגונגענ) לאָזנ זיכ גענוי באשטימענ, באזייטיקנדיק דעמ סוביעקטיוויזמ אונ דעמ ווילקיר אינעם אויסוואל פונ איינצלנע „דאָמינירנדיקע" אידייענ אָדער אינעם אויסטייטשנ זיי, אופדעקנדיק די וואָרצלענ פונ

אלע אָנ אויסנאמ אידייענ אונ אלע פאָרשיידענע טענדענצנ אינעמ צושטאנד פונ די מאטעריעלע פּראָדוציר־קרעפטנ. די מענטשנ אליינ שאפנ זייער געשיכטע, אָבער וואָס באשטימט די מאָטיוונ פונ די מענטשנ אונ טאקע פונ די מאסנ מענטשנ, וואָט רופט ארויס די צוזאמענשטויסנ פונ די ווידערשפּרעכלעכע אידייענ אונ שטרעבונגענ, וואָס איז דער סכומ פונ די אלע צוזאמענשטויסנ פונ דער גאנצער מאסע מענטשלעכע געזעלשאפטנ, ווו זיינענ די אָביעקטיווע פּראָדוציר־באדינגונגענ פונעמ מאטעריעלנ לעבנ, וואָס שאפט די באזע פונ דער גאנצער געשיכטלעכער טעטיקייט פונ די מענטשנ, ווי איז דער אנטוויקלונג־געזעצ פונ די דאָזיקע באדינגונגענ, — אפ דעמ אלצ האָט מארקס געווענדעט די אופמערקזאמקייט אונ האָט אָנגעוויזנ דעמ וועג צומ וויסנשאפטלעכנ שטודירנ די געשיכטע, אלס אנ איינהייטלעכנ פּראָצעס, א געזעצמעסיקנ אינ זיינ גאנצער קאָלאָסאלער פארשיידנזייטיקייט אונ ווידערשפּרעכלעכקייט.

דער קלאסנקאמפ

אז די שטרעבונגענ פונ איינע מיטגלידער פונ דער געגעבענער געזעלשאפט ווידערשפּרעכנ די שטרעבונגענ פונ די אנדערע מיטגלידער, אז דאָס געזעלשאפטלעכע לעבנ איז פול ווידערשפּרוכנ, אז די געשיכטע באווייזט אונדז דעמ קאמפ צווישנ פעלקער אונ געזעלשאפטנ אונ אויכ אינ זיי גופא, אונ אכוצדעמ נאָכ, ווי עס בייטנ זיכ פעריאָדנ פונ רעוואָליוציע אונ רעאקציע, שאָלעמ אונ מילכאָמע, סטאגנאציע אונ שנעלער פּראָגרעס אָדער יערידע, — אָט די פאקטנ ווייסנ אלע. דער מארקסיזמ האָט געגעבנ א לייט־פאָדעמ, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו אנטדעקנ די געזעצמעסיקייט אינ דעמ דאָזיקנ שיינבארנ לאבירינט אונ כאאָס, נעמלעכ: די טעאָריע פונ קלאסנקאמפ. נאָר דאָס דערלערנענ דעמ גאנצנ סכומ שטרעבונגענ פונ אלע מיטגלידער פונ דער געגעבענער געזעלשאפט אָדער פונ דער גרופּע געזעלשאפטנ קאָנ ברענגענ צומ וויסנשאפטלעכנ באשטימענ דעמ רעזולטאט פונ די דאָזיקע שטרעבונגענ. אונ דער קוואל פונ די ווידערשפּרעכלעכע שטרעבונגענ איז דער אונטערשייד אינ דער לאגע אונ אינ די לעבנ־באדינגונגענ פונ די *קלאסנ*, אפ וועלכע יעדער געזעלשאפט צעפאלט זיכ.

„די געשיכטע פונ אלע ביז איצט געוועזענע געזעלשאפטנ, — זאָגט מארקס אינ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט” (אכוצ דער געשיכטע פונ דער פרימיטיווער קאָמונע, — גיט צו ענגעלס), — איז געווענ די געשיכטע פונ קלאסנקאמפ. א פרייער אונ א קנעכט, א פאטריציער אונ א פלעביי, א גוטבאזיצער אונ א לייבייגנטימער, א מייסטער אונ א געזעל, קורצ, אנ אונטערדריקער אונ אנ אונטערגעדריקטער האָבנ זיכ געפונענ אינ אייביקנ אנטאגאָניזמ איינער צומ אנדערנ, האָבנ געפירט אָנ אופהער אמאָל א פארבאָרגענעמ, אמאָל אנ אָפענעמ קאמפ, וואָס פלעגט זיכ שטענדיק ענדיקנ מיט א רעוואָליוציאָנערער איבערבויונג פונ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער געביידע אָדער מיטנ אלגעמיינעמ אומקומ פונ די קעמפנדיקע קלאסנ... די היינטיקע בורזשואזע געזעלשאפט, וואָס איז ארויסגעקומענ פונ שויס פונ דער אומגעקומענער פעאָדאלער געזעלשאפט, האָט נ[illegible] פארניכטעט די קלאסנ־ווידערשפרוכנ. זי האָט נאָר אוועקגעשטעלט נייע קלאסנ, נייע אונטערדריקונג־באדינגונגענ אונ נייע קאמפ־פאָרמענ אנשטאָט די אלטע. אונדזער עפּאָכע, די עפּאָכע פונ דער בורזשואזיע, צייכנט זיכ אָבער אויס דערמיט, וואָס זי האָט פארייגפאכט די קלאסנ־ווידערשפרוכנ: די געזעלשאפט ווערט אלצ מער אונ מער צעשפּאָלטנ אפ צוויי גרויסע פיינטלעכע לאגערנ, אפ צוויי גרויסע קלאסנ, וואָס שטייענ איינער קעגנ דעמ אנדערנ, — אפ בורזשואזיע אונ פראָלעטאריאט”.

זינט דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע האָט די אייראָפּייִשע געשיכטע מיט א באזונדער אָנשויִלעכקייט אופגעדעקט אינ א ריי לענדער אָט דעמ ווירקלעכנ אונטערשלאק פונ די געשעענישנ, דעמ קלאסנקאמפ. אונ שוינ די עפּאָכע פונ רעסטאווראציע אינ פראנקרייכ האָט ארויסגערוקט א ריי היסטאָריקער (טיערי, גיזאָ, מיניע, טיער), וואָס האָבנ באמ פאראלגעמיינערנ דאָס געשעענע געמוזט אָנערקענענ דעמ קלאסנקאמפ פאר א שליסל צו פארשטיינ די גאנצע פראנצויזישע געשיכטע. אונ די נייסטע עפּאָכע, די עפּאָכע פונעמ פולקומענ ניצאָכנ פונ דער בורזשואזיע, פונ די רעפּרעזענטאטיווע אנשטאלטנ, פונ ברייטנ (אויב ניט אלגעמיינעמ) וואלרעכט, פונ בילקער טעגלעכער מאסנ־פּרעסע א. א. וו., די עפּאָכע פונ מעכטיקע אונ

אַלץ ברייטערע אַרבעטער־פּאַרייגע און אונטערנעמער־פּאַרייגע א. א. וו. האָט באַוויזן נאָך באַשיימפּערלעכער (האָגאַם אין א זייער אָפּטמאָל איינזייטיקער, „פּרידלעכער", „קאָנסטיטוציאָנעלער" פאָרם) דעם קלאַסן־קאַמף אַלס א טרייב־קראַפט פון די געשעענישן. די ווייטער געבראַכטע שטעל אין מאַרקס „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" וועט אונדז ווייזן, וואָס פאַר אן אָביעקטיוון אַנאַליז פון דער לאַגע פון יעדן קלאַס אין דער היינטיקער געזעלשאַפט מאַרקס האָט געפאָדערט פון דער געזעלשאַפט־לעכער וויסנשאַפט אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַנאַליז פון די אַנטוויקלונג־באַדינגונגען פון יעדן קלאַס:

„פון אַלע קלאַסן, וואָס שטייען איצט אַנטקעגן דער בורזשואַזיע, איז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט פאָר מיט זיך א ווירקלעך רעוואָליוציאָנערן קלאַס. אַלע איבעריקע קלאַסן גייען אַראָפּ און ווערן פאַרניכטעט צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע; דער פּראָלעטאַריאַט אָבער איז איר אייגענער פּראָדוקט. די מיטל־שטאַנדן: דער קליין־אינדוסטריעלער, דער קליין־הענדלער, דער האַנטווערקער און דער פּויער — זיי אַלע קעמפן מיט דער בורזשואַזיע, כדי צו ראַטעווען זייער עקזיסטענץ פון אומקום אַלס מיטלשטאַנדן. זיי זיינען אַלזאָ ניט רעוואָליוציאָנער, נאָר קאָנסערוואַטיוו. נאָך מער, זיי זיינען רעאַקציאָנער: זיי שטרעבן א דריי צו טאָן די ראָד פון דער געשיכטע צוריק. זיינען זיי רעוואָליוציאָנער, איז עס נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי שטייט פאָר דער איבערגאַנג אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט; אויף וויפל זיי פאַרטיידיקן ניט זייערע איצטיקע, נאָר זייערע קומענדיקע אינטערעסן: אויף וויפל זיי פאַרלאָזן זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, כדי צו שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַריאַט".

אין א ריי היסטאָרישע ווערק (זע ליטעראַטור) האָט מאַרקס געגעבן גלענצנדיקע און טיפּע מוסטערן פון מאַטעריאַליסטישער היסטאָריאָגראַפיע, פון אַנאַליזירן די לאַגע פון יעדער באַזונדערן קלאַס און אָפּטמאָל אויך פון פאַרשיידענע גרופּן אָדער שיכטן אין א קלאַס, באַווייזנדיק באַשיימפּערלעך, פאַרוואָס און וויאַזוי „יעדער קלאַסן־קאַמף איז א פּאָליטישער קאַמף". דער פראַגמענט, וואָס מיר האָבן געבראַכט, אילוסטרירט, וואָס פאַר א קאָמפּליצירטע נעץ געזעל־

שאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ און איבערגאַנג־שטופנ פונ איינ קלאַס צו אַנ אַנדערנ, פונ דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט מאַרקס אַנאַליזירט צו דיסקאָנטירנ די גאַנצע רעזולטאַנטע פונ דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

די סאַמע טיפע, אַלזייטיקע און דעטאַלע באַשטעטיקונג און אָנווענדונג פונ מאַרקס טעאָריע איז זיינ עקאָנאָמישע לערע.

מאַרקס עקאָנאָמישע לערע

„דער ענדציל פונ מיינ ווערק, — זאָגט מאַרקס אינעמ פאָרוואָרט צומ „קאַפּיטאַל“, — איז אַנטדעקנ דעמ עקאָנאָמישנ באַוועגונג־געזעצ פונ דער היינטיקער געזעלשאַפט“, ד. ה. פונ דער קאַפּיטאַליסטישער, בורזשואַזער געזעלשאַפט. די אויספאָרשונג פונ די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ פונ דער געגעבענער, היסטאָריש־באַשטימטער געזעלשאַפט אינ זייער אַנטשטייונג, אַנטוויקלונג און יערידע, — אָט דאָס איז דער אינהאַלט פונ מאַרקס עקאָנאָמישער לערע. אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הערשט די פּראָדוקציע פונ ס כ ו י ר ע ס, און מאַרקס אַנאַליז הייבט זיכ דעריבער אָנ מיטנ אַנאַליז פונ דער סכוירע.

ד ע ר ו ו ע ר ט

די סכוירע איז, ערשטנס, א זאַכ, וואָס באַפרידיקט אַוועלכע ס׳איז באַדערפעניש פונעמ מענטשנ; צווייטנס, א זאַכ, וואָס ווערט אויסגעטוישט אַפ אַנ אַנדער זאַכ. די נוצלעכקייט פונ א זאַכ מאַכט זי פאַר א ג ע ב ר ו י כ־ו ו ע ר ט. דער אויסטויש־ווערט (אָדער פּאָשעט ווערט) איז פריער פאַר אַלצ א באַציונג, א פּראָפּאָרציע באַמ אויסטוישנ א געוויסע צאָל געברויכ־ווערטנ פונ איינ אַרט אַפ א געוויסע צאָל געברויכ־ווערטנ פונ אַנ אַנדער אַרט. די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג באַווייזט אונדז, אַז מיליאַרדנ אַזוינע אויסטוישנ גלייכנ צו שטענדיק איינעמ צומ אַנדערנ אַלע און אַלערליי געברויכ־ווערטנ, די סאַמע פאַרשיידענע, אַזוינע, וואָס לאָזנ זיכ ניט פאַרגלייכנ. וואָס זשע איז דאָס אַלגעמיינע אינ אָט אָ די פאַרשיידענע זאַכנ, וואָס ווערנ שטענדיק צוגעגליכנ איינע צו דער אַנדערער אינ א באַשטימטער סיסטעמ פונ געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ? דאָס געמיינזאַמע אינ זיי איז דאָס, וואָס זיי זיינענ פּ ר אָ ד ו ק ט נ פ ו נ א ר ב ע ט.

אויסטוישנדיק פּראָדוקטנ, גלייכנ די מענטשנ צו סאמע פאַרשיידענע ארטנ ארבעט. די פּראָדוקציע פונ סכוירעס איז א סיסטעם פונ געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ, ווו די איינצלנע פּראָדוצירער שאפנ פארשיידנארטיקע פּראָדוקטנ (די געזעלשאפטלעכע ארבעט־צעטיילונג), אונ אָט די אלע פּראָדוקטנ ווערנ צוגעגליכנ איינער צום אנדערנ באם אויסטויש. הייסט עס, דאָס געמיינזאמע, וואָס איז פאראנ אינ אלע סכוירעס, איז ניט די קאָנקרעטע ארבעט פונ א באשטימטנ פּראָדוציר־צווייג, ניט די ארבעט פונ איינ ארט, נאָר די א ב ס ט ר א ק ט ע מענטשלעכע ארבעט, די מענטשלעכע ארבעט ביכלאל. די גאנצע ארבעט־קראפט פונ דער געגעבענער געזעלשאפט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אינ דער סומע ווערטנ פונ אלע סכוירעס, איז איינ־אונ־די זעלבע מענטשלעכע ארבעט־קראפט: מיליארדנ פאקטנ פונ אויסטויש דערווייזנ דאָס. אונ יעדע איינצלנע סכוירע איז אלזאָ ניט מער, ווי א געוויסער טייל פונ דער ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ־ נ י י ט י ק ע ר ארבעט־צייט. די גרייס פונעם ווערט באשטימט דער סכום געזעלשאפטלעכ־נייטיקע ארבעט אָדער די ארבעט־צייט, וואָס איז געזעלשאפטלעכ נייטיק צו פּראָדוצירנ די געגעבענע סכוירע, דעמ געגעבענעמ געברויכ־ווערט.

> „צוגלייכנדיק זייערע פארשיידענע פּראָדוקטנ באמ אויס־טויש איינעמ צום אנדערנ, גלייכנ די מענטשנ צו זייערע פאר־שיידענע ארטנ ארבעט איינע צו דער צווייטער. זיי באנעמענ דאָס ניט קלאָר, אָבער זיי טוענ דאָס”.

דער ווערט איז א באציונג צווישנ צוויי פערזאָנענ, — ווי עס האָט געזאָגט איינער אנ אלטער עקאָנאָמיסט; ער וואָלט נאָכ באדארפט צוגעבנ: א באציונג, וואָס איז מאסקירט מיט א זאכ־הילע. נאָר פונעם שטאנדפונקט פונ דער סיסטעם געזעלשאפטלעכע פּראָדוציר־פאר־העלטענישנ אינ איינ באשטימטער היסטאָרישער פאָרמאציע פונ דער געזעלשאפט, דערצו פונ פארהעלטענישנ, וואָס אנטפּלעקנ זיכ אינ דער מאסנ־דערשיינונג פונ אויסטויש, וואָס כאזערט זיכ איבער מיליארדנ מאָל, קאָנ מענ פארשטיינ וואָס ווערט איז.

> „אלס ווערטנ זיינענ די סכוירעס ניט מער ווי באשטימטע סכומענ פונ פאַרגליווערטער ארבעט־צייט”.

האָבנדיק אנאליזירט דעטאל דעמ דאָפּלטנ כאראקטער פונ דער ארבעט, וואָס איז פארקערפּערט אינ די סכוירעס, גייט מארקס ארי־

בער צומ אנאליזירנ די פאָרמענ פונ ווערט אונ געלט. מארקס הויפּט־אופגאבע איז דערביי דערלערנענ די אָפּשטאמונג פונ דער געלט־פאָרמ פונעמ ווערט, דערלערנענ דעמ היסטאָרישנ פּראָצעס פונ דער פאנאנדערוויקלונג פונעמ אויסטויש, אָנהייבנדיק פונ זיינע איינצלנע צופעליקע אקטנ („די איינפאכע, באזונדערע אָדער צופעליקע ווערט־פאָרמ": דער געגעבענער סכומ פונ איינ סכוירע ווערט אויסגעטוישט אפ א געגעבענעמ סכומ פונ אנ אנדער סכוירע) ביז דער אלגעמיינער ווערט־פאָרמ, ווענ א ריי פארשיידענע סכוירעס ווערט אויסגעטוישט אפ איינ־אונ־די זעלבע באשטימטע סכוירע, אונ ביז דער געלט־פאָרמ פונ ווערט, ווענ אזא באשטימטע סכוירע, אנ אלגעמיינער עקוויוואלענט, איז גאָלד. אלס העכסטער אנטוויקלונג־פּראָדוקט פונ אויסטויש אונ פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע פארטושט דאָס געלט, עס מאסקירט דעמ געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונ די פּריוואטע ארבעטנ, דעמ געזעלשאפטלעכנ צוזאמענהאנג צווישנ די איינצלנע פּראָדוצירער, וואָס דער מארק פאריייניקט. מארקס אנאליזירט ביז גאָר דעטאל די פארשיידענע פונקציעס פונ געלט, אונ דאָ (ווי ביכלאל אינ די ערשטע קאפּיטלענ פונ „קאפּיטאל") איז אויכ באזונדערס וויכטיק צו פארציייכענענ, אז די אבסטראקטע אונ, ווי זי דוכט זיכ צומאָל אויס, ריינ־דעדוקטיווע פאָרמ פונ רעפערירנ רעפּראָדוצירט פאקטיש דעמ גיגאנטישנ פאקטישנ מאטעריאל וועגנ דער אנטוויקלונג־געשיכטע פונעמ אויסטויש אונ פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע.

„געלט איז מעכייעוו א געוויסע הייכ פונ סכוירע־אויסטויש. די פארשיידענע פאָרמענ געלט — אנ איינפאכער סכוירע־עקוויוואלענט אָדער א צירקוליאציע־מיטל אָדער א צאָל־מיטל, אנ אויצער אונ אלוועלטלעכע געלט — ווייזנ אָנ, לויט דער פארשיידענער גרייס פונ אָנווענדנ די אָדער יענע פונקציע, לויט דעמ פארהעלטניסמעסיקנ דאָמינירנ פונ איינ פונקציע, אפ גאנצ פארשיידענע שטופנ פונ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוציר־פּראָצעס" („קאפּיטאל", ב. I).

מערווערט

אפ א געוויסער אנטוויקלונג־שטופע פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע ווערט געלט פארוואנדלט אינ קאפּיטאל. די פאָרמולע פונ דער סכוי־

רע־צירקוליאציע איז געוועג ס (סכוירע) — ג (געלט) — ס (סכוירע), ד. ה. דער פארקויפ פונ איינ סכוירע צו קויפנ אנ אנדערע. די אלגעמיינע פאָרמולע פונ קאפּיטאל איז פארקערט ג — ס — ג, ד. ה. קויפנ צוליב פארקויפנ (מיט רעווכ). מערווערט רופט אָנ מאַרקס אָט די פארגרעסערונג פונעמ לעכאטכילעדיקנ ווערט פונ די געלט, וואָס ווערנ געלאָזנ אינ פארקער. דעמ פאקט פונ אזא „וווקס" פונ געלט אינעמ קאפּיטאליסטישנ אומזאצ ווייסנ אלע. טאקע אָט דער „וווקס" פארוואנדלט דאָס געלט אינ קאפּיטאל, אלס א באזונדערע היסטאָריש־באשטימטע געזעלשאפטלעכע פּראָדוציר־פארהעלטעניש. דער מערווערט קאָנ ניט אנטשטיינ פונ דער סכוירע־צירקוליאציע, ווייל זי ווייס נאָר דעמ אויסטויש פונ עקוויוואלענטנ, ער קאָנ ניט אנטשטיינ פונ א צוגאָב צומ פּרייז, ווייל די קעגנזייטיקע פארלוסטנ אונ געווינסנ פונ די קויפער אונ די פארקויפער וואָלטנ געדעקט איינע די אנדערע, אונ עס האנדלט זיכ דאָכ וועגנ א מאסנ־דערשיינונג, וועגנ א דורכשניטלעכער געזעלשאפטלעכער דערשיינונג אונ ניט וועגנ אנ אינדיווידועלער. קעדיי צו באקומענ מערווערט, „דארפ דער געלט־באזיצער געפינענ אפנ מארק אזא סכוירע, וואָס איר געברויכ־ווערט גופא זאָל פארמאָגנ די אָריגענעלע אייגנשאפט צו זיינ א קוואל פונ ווערט", אזא סכוירע, וואָס דער פּראָצעס פונ איר פארברויכנ זאָל אינ דער זעלבער צייט זיינ א פּראָצעס פונ שאפנ ווערט. אונ אזא סכוירע איז פאראנ. דאָס איז דעמ מענטשנס ארבעט־קראפט. איר געברויכ איז די ארבעט, אונ די ארבעט שאפט דעמ ווערט. דער געלט־באזיצער קויפט די ארבעט־קראפט נאָכ איר ווערט, אונ דעמ ווערט אירנ באשטימט, פּונקט אזוי ווי דעמ ווערט פונ יעדער אנדער סכוירע, די געזעלשאפטלעכ־נייטיקע ארבעט־צייט, וואָס איז נייטיק צו פּראָדוצירנ זי (ד. ה. דעמ ווערט פונ אויסהאלטנ דעמ ארבעטער אונ זיינ פאמיליע). האָבנדיק געקויפט די ארבעט־קראפט, האָט דער געלט־באזיצער רעכט צו געברויכנ זי, ד. ה. צו צווינגענ זי ארבעטנ א גאנצנ טאָג, לאָמיר זאָגנ, צוועלפ שאָ. אָבער דער ארבעטער שאפט אינ מעשעכ פונ זעקס שאָ (די „נייטיקע" ארבעט־צייט) א פּראָדוקט, וואָס דעקט זיינ אויסהאלט, אונ אינ מעשעכ פונ די ווייטערדיקע זעקס שאָ (די „מער"־ארבעט־צייט) שאפט ער א „מער"־פּראָדוקט אָדער א מערווערט, פאר וועלכנ דער קאפּיטאליסט האָט ניט געצאָלט. הייסט עס, אז אינעמ קאפּיטאל דארפ מענ

אונטערשיידנ — פונ שטאַנדפּונקט פונ פּראָדוציר־פּראָצעס — צוויי טיילנ: דעמ באַשטענדיקנ (קאָנסטאַנטנ) קאַפּיטאַל, וואָס ווערט פאַרטאָנ אַפ פּראָדוציר־מיטלענ (מאַשינעס, אַרבעט־געצייג, רוי־מאַטעריאַל א. א. וו.) — זיינ ווערט גייט אַריבער אָנ ענדערונגענ (מיטאַמאָל אָדער טיילווייז) אַפנ גרייטנ פּראָדוקט — אונ דעמ פאַרענדערלעכנ (וואַריאַבעלנ) קאַפּיטאַל, וואָס ווערט פאַרטאָנ אַפ אַרבעט־קראַפט. דער ווערט פונ דעמ דאָזיקנ קאַפּיטאַל בלייבט ניט ניט־געענדערט, נאָר ער שטייגט אינ פּראָצעס פונ דער אַרבעט, שאַפנדיק מערווערט. קעדיי אויסצודריקנ דעמ גראַד עקספּלואַטאַציע פונ דער אַרבעט־קראַפט דאַרפ מענ דער־פאַר פאַרגלייכנ דעמ מערווערט ניט מיטנ גאַנצנ קאַפּיטאַל, נאָר בלויז מיטנ פאַרענדערלעכנ קאַפּיטאַל. די נאָרמע פונ מערווערט, ווי מאַרקס רופט אָנ די דאָזיקע באַציונג, וועט זיינ, לעמאָשל, אינ אונדזער ביי־שפּיל $\frac{6}{6}$, ד. ה. הונדערט פּראָצענט.

די היסטאָרישע פאָרהאַנאָכע פאַר דער אַנטשטייונג פונ קאַפּיטאַל איז, ערשטנס, די אָנזאַמלונג פונ א געוויסער געלט־סומע אינ די הענט פונ איינצלנע פּערזאָנענ בא א בעערעכ הויכנ אַנטוויקלונג־ניוואָ פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע ביכלאַל, אונ, צווייטנס, דאָס פאַראַנענזיינ פונ א „פרייענ” אַרבעטער, א פרייענ אינ טאָפּלטנ זינ: פריי פונ יעדער־ליי שטערונגענ אָדער באַגרענעצונגענ צו פאַרקויפנ זיינ אַרבעט־קראַפט, אונ פריי פונ ערד אונ ביכלאַל פונ פּראָדוציר־מיטלענ, א העפקער־אַרבע־טער, א „פּראָלעטאַריער”, וואָס קענ עקזיסטירנ נאָר פאַרקויפנדיק זיינ אַרבעט־קראַפט.

די פאַרגרעסערונג פונעמ מערווערט איז מעגלעכ דורכ צוויי גרונט־מעטאָדנ: דורכ פאַרלענגערנ דעמ אַרבעט־טאָג („אַבסאָליוטער מערווערט”) אונ דורכ פאַרקירצנ דעמ נייטיקנ אַרבעט־טאָג („רעלאַטי־ווער מערווערט”). אַנאַליזירנדיק דעמ ערשטנ מעטאָד, וויקלט מאַרקס פאַנאַנדער א גראַנדיעזנ בילד פונעמ קאַמפ פונעמ אַרבעטער־קלאַס פאַר פאַרקירצנ דעמ אַרבעט־טאָג אונ פונ דער איינמישונג פונ דער מע־לוכע־מאַכט פאַרנ פאַרלענגערנ דעמ אַרבעט־טאָג (XVII—XIV יאָרהונ־דערט) אונ פאַרנ פאַרקירצנ אימ (די פאַבריק־געזעצגעבונג פונ XIX יאָרהונדערט). נאָכדעמ ווי דער „קאַפּיטאַל” איז דערשינענ, האָט די געשיכטע פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג אינ אַלע ציוויליזירטע לענדער

פונ דער וועלט געגעבנ טויזנטער אונ טויזנטער נייע פאקטנ, וואָס איליוסטרירנ אָט דאָס בילד.

אנאליזירנדיק די פּראָדוקציע פונ רעלאטיווּ מערוועדט, פאָרשט מארקס אויס די דריי היסטאָרישע גרונט־סטאדיעס, ווענ דער קאפּי־טאליזמ העכערט די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט: 1) די איינפאכע קאָאָפּע־ראציע; 2) די ארבעט־צעטיילונג אונ די מאנופאקטור; 3) די מאשינעס אונ די גרויס־אינדוסטריע. ווי טיפ מארקס האָט דאָ אופגעדעקט די טיפּישע, די גרונט־שטריכנ פונ דער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ, קאָנ מענ זענ צווישנ אנדערנ פונ דעמ, וואָס די אויספאָרשונגענ פונ דער רוסישער אזויגערופענער „קוסטארישער” אינדוסטריע גיבנ דעמ רייכסטנ מאטעריאל צו איליוסטרירנ די צוויי ערשטע סטאדיעס (פונ די אָנגע־רופענע דריי סטאדיעס). אונ די רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג פונ דער גרויסער מאשינ־אינדוסטריע, וואָס מארקס האָט באשריבנ אינ 1867, האָט זיכ אינ מעשעכ פונעמ האלבנ יאָרהונדערט, וואָס איז זינט דעמאָלט אוועק, ארויסגעוויזנ אינ א גאנצער ריי „נייע” לענדער (רוסלאנד, יאפּאָניע אונ אנדערע).

ווייטער. העכסט וויכטיק אונ ניי איז בא מארקסנ דער אנאליז פונ דער קאפּיטאל־אָנזאמלונג, ד. ה. פונ דער פארוואנדלונג פונ א טייל מערוועדט אינ קאפּיטאל, דאָס פארברויכנ אימ ניט אפ דעמ קאַ־פּיטאליסטס פערזענלעכע באדערפענישנ אָדער קאפּריזנ, נאָר אפ נייער פּראָדוקציע. מארקס האָט באוויזנ דעמ טאָעס פונ דער גאנצער פריער־דיקער קלאסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע (אָנגעהויבנ פונ אדאמ סמיט), וואָס האָט געהאלטנ, אז דער גאנצער מערוועדט, וואָס ווערט פאר־וואנדלט אינ קאפּיטאל, גייט אפנ פארענדערלעכנ קאפּיטאל. פאקטיש צעפאלט ער זיכ אפ פּראָדוקציר־מיטלענ פּליוס פארענדערלעכער קאפּיטאל. א קאָלאָסאלע באדייטונג אינעמ אנטוויקלונג־פּראָצעס פונעמ קאפּיטאליזמ אונ אינעמ פּראָצעס פונ זיינ פארוואנדלונג אינ סאָציא־ליזמ האָט דאָס שנעלערע אָנוואקסנ פונעמ טייל פונ קאָנסטאנטנ קאַ־פּיטאל (אינ דער אלגעמיינער סומע פונ קאפּיטאל) אינ פארגלייכ מיטנ טייל פונעמ פארענדערלעכנ קאפּיטאל.

פארגיכערנדיק דאָס ארויסשטויסנ די ארבעטער דורכ דער מאַ־שינ, שאפנדיק אפ איינ פּאָליוס רייכטומ, אפנ אנדערנ — אָרעמקייט, רופט ארויס די אָנזאמלונג פונ קאפּיטאל די אזויגערופענע „רעזערווע

אַרבעט־אַרמײ״, דעם „רעזערװ־אַרמײ״ פֿון אַרבעטער אָדער די „קאַפּיטאַליסטישע איבערבאַפֿעלקערונג״, װאָס נעמט אָן העכסט פֿאַרשײדנאַרטיקע פֿאָרמען און גיט דעם קאַפּיטאַל די מעגלעכקײט צו פֿאַרברײטערן אױסערסט גיך די פּראָדוקציע. אָט די מעגלעכקײט — אין צוזאַמענהאַנג מיטן קרעדיט און מיט דער אָנזאַמלונג פֿונעם קאַפּיטאַל אין די פּראָדוציר־מיטלען — גיט צװישן אַנדערן אַ שליסל צו פֿאַרשטײן די קריזיסן פֿון איבערפּראָדוקציע, װאָס פֿלעגן פּעריאָדיש אָנקומען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צוערשט דורכשניטלעך יעדע 10 יאָר, נאָכדעם אין לענגערע און װײניקער באַשטימטע צײט־אָפּשניטן. פֿון דער אָנזאַמלונג פֿון קאַפּיטאַל אױף דער באַזע פֿון קאַפּיטאַליזם דאַרף מען אונטערשײדן די אַזױ גערופֿענע אָנפֿאַנגלעכע אָנזאַמלונג: דאָס אָפּשײדן מיט געװאַלט דעם אַרבעטער פֿון די פּראָדוציר־מיטלען, דאָס פֿאַרטרײבן די פּױערים פֿון דער ערד, דאָס גאַנװענען קאָמונאַלע ערד, די סיסטעם פֿון קאָלאָניעס און פֿון מלוכה־חובֿות, פּראָטעקציאָניסטישע טאַמאָזשניע־אָפּצאָלן א. א. װ. די „אָנפֿאַנגלעכע אָנזאַמלונג״ שאַפֿט אױף אײן פּאָלוס אַ „פֿרײען״ פּראָלעטאַריער, אױפֿן צװײטן — אַ געלט־באַזיצער, אַ קאַפּיטאַליסט.

די „היסטאָרישע טענדענץ פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג״ כאַראַקטעריזירט מאַרקס אין די באַרימטע װערטער:

„די עקספּראָפּריאַציע פֿון די אומיטלבאַרע פּראָדוצירער װערט דורכגעפֿירט מיטן סאַמע אָנראַכמאָנעסדיקן װאַנדאַליזם און אונטערן דרוק פֿון די סאַמע נידערטרעכטיקע, סאַמע שמוציקע, סאַמע קלײנלעכע און סאַמע װילדע לײדנשאַפֿטן. דעם פּריװאַט־אײגנטום, װאָס איז באַקומען געװאָרן דורך דער אַרבעט פֿון דעם אײגנטימער״ (דעם פּױער און דעם האַנטװערקער), „װאָס האַלט זיך, אַזױ צו זאָגן, אױפֿן צונױפֿװאַקסן זיך פֿונעם אײנצלנעם אומאָפּהענגיקן אַרבעטער מיט זײנע אַרבעט־געצײג און אַרבעט־מיטלען, שטױסט אַרױס דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּריװאַט־אײגנטום, װאָס האַלט זיך אױף דער עקספּלואַטאַציע פֿון פֿרעמדער אָבער פֿאָרמעל פֿרײער אַרבעט־קראַפֿט... איצט װערט שױן עקספּראָפּרײִרט ניט דער אַרבעטער, װאָס פֿירט אַלײן אַ זעלבשטענדיקע װירטשאַפֿט, נאָר דער קאַפּיטאַליסט, װאָס

עקספלואטירט אסאך ארבעטער. אָט די עקספּראָפּריאציע קומט פאָר אינ דער שפּיל פונ די אימאנענטע געזעצנ פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע גופע, דורכ דער צענטראליזאציע פונ די קאפּיטאלנ. איינ קאפּיטאליסט שלאָגט אסאך קאפּיטאליסטנ. האנט בא האנט מיט אָט דער צענטראליזאציע אָדער עקספּראָפּריאציע פונ אסאך קאפּיטאליסטנ מיצאד ווינציקע אנטוויקלט זיכ די קאָאָפּעראטיווע פאָרמ פונעמ ארבעט־פּראָצעס אינ אנ אלצ מער אונ מער ברייטנ, גרויסנ פארנעמ, עס אנטוויקלט זיכ די באוווּסטזיניקע טעכנישע אָנווענדונג פונ דער וויסנשאפט, די פּלאנמעסיקע עקספּלואטאציע פונ דער ערד, דאָס פארוואנדלענ די ארבעט־מיטלענ אינ אזוינע פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס דערלאָזנ נאָר א קאָלעקטיווע געברויכ, די עקאָנאָמיזירונג פונ אלע פּראָדוציר־מיטלענ דורכ געברויכנ זיי אלס פּראָדוציר־מיטלענ פונ דער קאָמבינירטער געזעלשאפטלעכער ארבעט, דאָס ארייננפלעכטנ אלע פעלקער אינ דער נעצ פונ וועלט־מארק אונ צוזאמענ מיט דעמ אויכ דער אינטערנאציאָנאלער כאראקטער פונ קאפּיטאליסטישנ רעזשימ. צוזאמענ מיט דער קעסיידער קלענער ווערנדיקער צאָל קאפּיטאל־מאגנאטנ, וואָס אוזורפּירנ אונ מאָנאָפּאָליזירנ אלע וויגאָדעס פונ דעמ דאָזיקנ פארוואנדלונג־פּראָצעס, שטייגט די מאסע דאלעס, אונטערדריקונג, קנעכטשאפט, דעגענעראציע, עקספּלואטאציע, אָבער צוזאמענ מיט דעמ אויכ דער צאָרנ פונעמ ארבעטער־קלאס, וואָס אימ לערנט, פאראייניקט אונ אָרגאניזירט דער מעכאניזמ פונעמ פּראָצעס פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע גופע. די מאָנאָפּאָליע פונ קאפּיטאל ווערט פארוואנדלט אינ קייטנ פונ דעמ פּראָדוציר־אויפנ, וואָס איז אויסגעוואקסנ בא איר אונ אונטער איר. די צענטראליזירונג פונ די פּראָדוציר־מיטלענ אונ די פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער ארבעט דערגייענ ביז אזא פונקט, ווענ זיי לאָזנ זיכ ניט צונויפּפּאָרנ מיט זייער קאפּיטאליסטישער הילע. די הילע ווערט אופגעריסנ. עס שלאָגט די שאָ פונ קאפּיטאליסטישנ פּריוואט־אייגנטומ, די עקספּראָפּריאטערס וועלנ עקספּראָפּריירט ווערנ". („קאפּיטאל", ב. I).

העכסט וויכטיק אונ ניי איז, וויטער, דער אנאליז פונ דער רעפּראָדוקציע פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל אינגאנצנ גענומענ,

וואָס מארקס האָט געגעבנ אינ צווייטנ באנד „קאפּיטאל“. דאָ נעמט
מארקס אויכ ניט קיינ אינדיווידועלע דערשיינונג, נאָר א מאסנ־דער־
שיינונג, ניט קיינ ברוכ־טייל̄כעלע פונ דער געזעלשאפטלעכער עקאָ־
נאָמיע, נאָר די גאנצע עקאָנאָמיע אינ איר סאכאקל. פארי‌כטנדיק דעמ
אויבנ אָנגעוויזענעמ פעלער פונ די קלאסיקער, טיילט מארקס די גאנ־
צע געזעלשאפטלעכע פּראָדוקציע אפ צוויי גרויסע אָפּטיילנ: 1) די
פּראָדוקציע פונ פּראָדוציר־מיטלענ אונ 2) די פּראָדוקציע פונ געברויכ־
מיטלענ. אונ ער באטראכט דעטאל, אפ צאָל־ביישפּילנ, די צירקוליאציע
פונעמ גאנצנ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל אינגאנצנ גענומענ, סיי בא
דער פּראָדוקציע אינ דער פריערדיקער גרייס, סיי בא דער אָנזאמ־
לונג. אינ דריטנ באנד „קאפּיטאל“ איז פארענטפערט געוואָרנ די פראַ־
גע וועגנ דער אויסבילדונג פונ דער דורכשניטלעכער נאָרמע רעווע־
אפ דער באזע פונעמ ווערט־געזעצ. א גרויסער שריט פאָרויס פונ דער
עקאָנאָמישער וויסנשאפט אינ מארקס געשטאלט איז דאָס, וואָס דער
אנאליז ווערט געפירט פונ דעמ שטאנדפונקט פונ עקאָנאָמישע מאסנ־
דערשיינונגענ, פונ גאנצנ סאכאקל פונ דער געזעלשאפטלעכער ווירט־
שאפט אונ ניט פונעמ שטאנדפונקט פונ איינצלנע פאלנ אָדער פונ דער
אויסערלעכער אויבערפלאכ פונ דער קאָנקורענצ, מיט וואָס עס בא־
גרענעצט זיכ אָפט די וווּלגארע פּאָליטישע עקאָנאָמיע אָדער די היינ־
טיקע „טעאָריע פונ גרענעצ־נוצלעכקייט“. צוערשט אנאליזירט מארקס
די אָפּשטאמונג פונעמ מערווערט אונ נאָכדעמ גייט ער שוינ אריבער
צו איר צעפאלונג אפ רעווע, פּראָצענט אונ ערד־רענטע. רעווע איז
די באציונג פונעמ מערווערט צומ גאנצנ קאפּיטאל, וואָס איז אריינ־
געלייגט געוואָרנ אינ דער אונטערנעמונג. דער קאפּיטאל פונ א „הוי־
כער אָרגאנישער סטרוקטור“ (ד. ה. וועג דער קאָנסטאנטער קאפּיטאל
דאָמינירט איבער דעמ פארענדערלעכנ קאפּיטאל מער ווי אינעמ דורכ־
שניטלעכנ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל) גיט א נאָרמע פונ רעווע קלע־
נער פארנ דורכשניט. דער קאפּיטאל פונ א „נידעריקער אָרגאנישער
סטרוקטור“ גיט רעווע העכער פארנ דורכשניט. די קאָנקורענצ צווישנ
די קאפּיטאלנ, זייער פרייער איבערגאנג פונ איינ צווייג אינ א צווייטנ
וועט אינ ביידע פאלנ דערפירנ די נאָרמע פונ רעווע צומ דורכשניט.
די סומע ווערטנ פונ אלע סכוירעס פונ דער געגעבענער געזעלשאפט
פאלט צונויפ מיט דער סומע פרייזנ פונ די סכוירעס, אָבער אינ די

איינצלנע אונטערנעמונגענ און אינ די איינצלנע פּראָדוציר־צווייגנ ווערנ די סכוירעס פארקויפט — אונטער דער ווירקונג פונ דער קאָנקורענצ — ניט לויט זייער ווערט, נאָר לויט פּרייזנ פונ דער פּראָדוקציע אָדער לויט די פּראָדוציר־פּרייזנ, וואָס זיינענ גלייכ צומ פארטאָנענעמ קאפּיטאל פּליוס דורכשניטלעכער רעווע.

אזוי ארומ האָט מארקס אפ דער באזע פונעמ ווערט־געזעצ פולקומ דערקלערט דעמ אלגעמיינ־באוווסטנ און ניט באשטרייטבארנ פאקט, אז די פּרייזנ וויכנ אָפּ פונ די ווערטנ און דער רעווע איז גלייכ, און דאָס איז דערפאר, ווייל די סומע ווערטנ פונ אלע סכוירעס פאלט צונויפ מיט דער סומע פּרייזנ. אָבער דאָס צופירנ דעמ (געזעלשאפטלעכנ) ווערט צו די (אינדיווידועלע) פּרייזנ קומט פאָר ניט פּאָשעט, ניט דירעקט, נאָר אפ זייער א קאָמפּליצירטנ אופנ: ס׳איז גאנצ נאטירלעכ, אז אינ א געזעלשאפט פונ צעשפּליטערטע סכוירע־פּראָדוצירער, וואָס זיינענ פארבונדנ נאָר מיטנ מארק, קאָנ זיכ די געזעצמעסיקייט ניט ארויסווייזנ אנדערש, ווי אינ א דורכשניטלעכער, געזעלשאפטלעכער מאסנ־געזעצמעסיקייט, ווענ די אינדיווידועלע אָפּווייכונגענ אינ דער אָדער יענער זייט דעקנ איינע די אנדערע.

די העכערונג פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקייט באטייט א גיכערנ וווקס פונ קאָנסטאנטנ קאפּיטאל אינ פארגלייכ מיטנ פארענדערלעכנ. און היות ווי דער מערווערט איז א פונקציע נאָר פונעמ פארענדערלעכנ קאפּיטאל, איז פארשטענדלעכ, אז די נאָרמע פונ רעווע (די פארהעלטעניש פונעמ מערווערט צומ גאנצנ קאפּיטאל, און ניט בלויז צו זיינ פארענדערלעכנ טייל) האָט א טענדענצ צו פאלנ. מארקס אנאליזירט אויספירלעכ די דאָזיקע טענדענצ און א ריי אומשטענדנ, וואָס מאסקירנ זי אָדער ווירקנ קעגנ איר. ניט אָפּשטעלנדיק זיכ אפנ רעפערירנ די ביז גאָר אינטערעסאנטע אָפּטיילנ פונ דריטנ באנד, וואָס זיינענ געווידמעט דעמ וווכער־קאפּיטאל, דעמ האנדל־קאפּיטאל און דעמ געלט־קאפּיטאל, וועלנ מיר אריבערגיינ צומ סאמע איקער: צו דער טעאָריע פונ ע ר ד ־ ר ע נ ט ע. מאכמעס דער באגרענעצטקייט פונעמ ערד־שעטעכ, — אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער האָבנ באזונדערע ווירטנ פארנומענ די גאנצע ערד, — באשטימענ דעמ פּרייז פונ דער פּראָדוקציע פונ לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ די פּראָדוציר־קאָסטנ ניט אפנ דורכשניטלעכנ, נאָר אפנ ערגסטנ באָדנ,

ניט בא דורכשניטלעכע, נאָר בא די ערגסטע באדינגונגענ פונ צושטעלנ דעמ פּראָדוקט אפנ מארק. דעמ אונטערשייד צווישנ אָט דעמ פרייז אונ דעמ פרייז פונ דער פּראָדוקציע אפ די בעסטע באָדנס (אָדער בא די בעסטע באדינגונגענ) גיט די דיפערענצ־רענטע אָדער די דיפערענציאלע רענטע. אנאליזירנדיק זי דעטאל, באווייזנדיק איר אָפּשטאמונג באמ אונטערשייד אינ דער פרוכטבארקייט פונ איינצלנע ערד־פּלעצער, בא דעמ אונטערשייד אינ דער גרייס פונ דער קאפּיטאל־אינוועסטיציע אינ דער ערד, האָט מארקס פולקומ אופגעדעקט (זע אויכ „די טעאָריעס פונ מערווערט", ווו עס פארדינט א באזונדערע אופמערקזאמקייט די קריטיק פונ ראָדבערטוסנ) ריקארדאָס טאָעס, אז די דיפערענציאלע רענטע באקומט זיכ קלוימערשט נאָר באמ אריבערגיינ בעהאדראָגע פונ בעסערער ערד צו ערגערער. עס טרעפנ אויכ פארקערטע איבערגאנגענ, עס טרעפט זיכ, אז איינ קאטעגאָריע ערד ווערט פארוואנדלט אינ א צווייטע (מאכמעס דעמ פּראָגרעס פונ דער אגריקולטור־טעכניק, דעמ וווקס פונ די שטעט א. א. וו.) אונ א גראָבער טאָעס איז דער באריםטער „געזעצ פונ דער פאלנדיקער פרוכטבארקייט פונ באָדנ", — ער ווארפט ארופ אפ דער נאטור די כעסרוינעס, די באגרענעצטקייטנ אונ די ווידערשפּרוכנ פונ קאפּיטאליזמ. ווייטער, די גלייכקייט פונ רעווכ אינ אלע צווייגנ פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער פאָלקווירטשאפט ביכלאל איז מעכייעוו די פולקומע פרייהייט פונ קאָנקורענצ, די פרייהייט איבערצוגיסנ דעמ קאפּיטאל פונ איינ צווייג אינ א צווייטנ. אָבער דאָס פּריוואט־אייגנטומ אפ ערד שאפט א מאָנאָפּאָליע, א מעניע פאר אָט דעמ פרייענ איבערגיסנ. די לאנדווירטשאפט צייכנט זיכ אויס מיס א מער נידעריקער סטרוקטור פונ קאפּיטאל אונ האָט בעמיילע אינדיווידועל א העכערע נאָרמע פונ רעוועכ, אונ מאכמעס דער מאָנאָפּאָליע גייענ אירע פּראָדוקטנ ניט ארייַנ אינעמ פולשטענדיק פרייענ פּראָצעס פונ אויסגלייכנ די נאָרמע פונ רעוועכ; אלס מאָנאָפּאָליסט באקומט דער ערד־אייגנטימער די מעגלעכקייט צו איינהאלטנ דעמ פרייז העכער פארנ דורכשניט, אונ אָט דער מאָנאָפּאָל־פרייז רופט ארויס די אבסאָליוטע רענטע. די דיפערענציאלע רענטע קאָנ ניט פארניכטעט ווערנ באמ קאפּיטאליזמ, די אבסאָליוטע רענטע קאָנ יאָ פארניכטעט ווערנ — צומ ביישפּיל, בא דער נאציאָנאליזירונג פונ דער ערד, ווענ זי גייט אריבער אינ רע־

שוס פונ דער מעלוכע. אַזאַ איבערגאַנג וואָלט באַטייט אונטעררייסנ די מאָנאָפּאָליע פונ די פּריוואַטע אייגנטימער, ער וואָלט באַטייט דורכפירנ קאָנסעקווענטער, פולקומער די קאָנקורענצ־פרייהייט אינ דער ערד־אַרבעט. אונ דערפאַר, — באַצייכנט מאַרקס, — זיינענ די ראַדיקאַלע בורזשואַ אַרויסגעטראָטנ ניט איינ מאָל אינ דער געשיכטע מיט אַט דער פּראָגרעסיווער בורזשואַזער פאָדערונג צו נאַציאָנאַליזירנ די ערד. די דאָזיקע פאָדערונג שרעקט אָבער אָפּ די מערהייט פונ דער בורזשואַזיע, ווייל דאָס „באַרירט“ צו נאָענט נאָכ אַנ אַנדער מאָנאָפּאָליע, וואָס איז איז אינ אונדזער צייט באַזונדערס וויכטיק אונ „פילעוודיק“: די מאָנאָפּאָליע אָפּ די פּראָדוציר־מיטלענ ביכלאַל. (מערקווירדיק פּאָפּולער, געפרעסט אונ קלאָר האָט מאַרקס אַליינ איבערגעגעבנ זיינ טעאָריע וועגנ דורכשניטלעכנ רעווע פונ קאַפּיטאַל אונ וועגנ דער אַבסאָליוטער ערד־רענטע אינעמ בריוו צו ענגעלסנ דעמ 2־טנ אויגוסט 1862. זע „קאָרעספּאָנדענצ“, ב. III, זייט 77־81. פאַרגלייכ אויכ דעמ בריוו פונ 9־טנ אויגוסט 1862, דאָרטנ, זייט 86־87.) — צו דער געשיכטע פונ דער ערד־רענטע איז אויכ וויכטיק אָנצווייזנ אָפּ מאַרקס אַנאַליז, וואָס באַווייזט די פאַרוואַנדלונג פונ דער אָפּאַרבעט־רענטע (ווענ דער פויער שאַפט דעמ מערפּראָדוקט מיט זיינ אַרבעט אָפּנ גוטבאַזיצערס ערד) אינ אַ פּראָדוקטנ־רענטע אָדער אַ נאַטורעלע (דער פויער שאַפט מערפּראָדוקט אָפּ זיינ אייגענער ערד אונ גיט אימ אָפּ דעמ גוטבאַזיצער, מאַכמעס דעמ „אויסער־עקאָנאָמישנ צוואַנג“), נאָכדעמ אינ געלט־רענטע (די זעלבע נאַטורעלע רענטע, פאַרוואַנדלט אינ געלט, דער „אָבראָק“ [צינז] אינעמ אַלטנ רוסלאַנד, מאַכמעס דער אַנטוויקלונג פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע) אונ צולעצט אינ קאַפּיטאַליסטישער רענטע, ווענ אָנשטאָט דעמ פויער קומט דער אונטערנעמער אינ דער לאַנדווירטשאַפט אונ באַאַרבעט די ערד מיט דער הילפ פונ לוינ־אַרבעט. אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעמ דאָזיקנ אַנאַליז פונעמ „גענעזיס פונ דער קאַפּיטאַליסטישער ערד־רענטע“ דאַרפ מענ פאַרצייכענענ אַ ריי מאַרקס פיינע געדאַנקענ (דערביי אַזוינע, וואָס זיינענ באַזונדערס וויכטיק פאַר אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווי רוסלאַנד) וועגנ דער **עוואָליוציע פונ קאַפּיטאַליזמ אינ דער לאַנדווירטשאַפט.**

„די פאַרוואַנדלונג פונ דער נאַטורעלער רענטע אינ געלט־רענטע ווערט ניט נאָר אומפאַרמיידלעכ באַגלייט, נאָר עס קומט

אפילע פאר איר די אויסבילדונג פונ א קלאס אומפארמעגלעכע
טאָג־ארבעטער, וואָס פארדינגעג זיכ פאר געלט. אינעמ פעריאָד,
ווענ אָט דער קלאס אנטשטייט, ווענ ער דערשיינט בלויז ספאָ־
ראדיש, אנטוויקלט זיכ נאטירלעכ בא די מער פארמעגלעכע
צינז־פליכטיקע פויערימ די געוווינהייט צו עקספלואטירנ אפ זייער
כעזשבנ די דאָרפישע לוינ־ארבעטער—אָט פונקט אזוי ווי אינ די פעאָ־
דאלע צייטנ פלעגנ די פארמעגלעכע לייבייגענע פויערימ אליינ
האלטנ לייבייגענע. בא אָט די פויערימ אנטוויקלט זיכ אזוי
ארומ ביסלעכווייז די מעגלעכקייט אָנצוזאמלענ א געוויסנ פאר־
מעגנ אונ פארוואנדלט ווערנ אליינ אינ קומענדיקע קאפיטא־
ליסטנ. צווישנ די אלטע ערד־באזיצער, וואָס פירנ א זעלב־
שטענדיקע ווירטשאפט, אנטשטייט אלזאָ א פלאנצ־אָרט פונ
קאפיטאליסטישע ארענדאטערס, וואָס זייער אנטוויקלונג איז
ארויסגערופנ דורכ דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פונ דער
קאפיטאליסטישער פראָדוקציע אויסער דער לאנדווירטשאפט"
(„קאפיטאל", ב. III, זייט 332)... „די עקספראָפריאציע פונ א
טייל פונ דער דאָרפישער באפעלקערונג אונ דאָס ארויסטרייבנ
אימ פונ דאָרפ ניט נאָר וואָס עס „באפרייט" פארנ אינדוסטריעלנ
קאפיטאל ארבעטער, זייערע לעבנ־מיטלענ, זייער ארבעט־
געצייג, נאָר דאָס שאפט אויכ אנ אינערלעכנ מארק" („קאפיטאל",
ב. I, ז. 778).

די פאראָרעמונג אונ די רויִנירונג פונ דער דאָרפישער באפעל־
קערונג שפילט ווידער א ראָליע אינעמ שאפנ די רעזערווע ארבעטער־
ארמיי פארנ קאפיטאל. אינ יעדנ קאפיטאליסטישנ לאנד

„געפינט זיכ דעריבער א טייל פונ דער דאָרפישער
באפעלקערונג שטענדיק אינ אנ איבערגאנג־צושטאנד צו פאר־
וואנדלט ווערנ אינ א שטאָטישע באפעלקערונג אָדער אינ א
מאנופאקטור־באפעלקערונג (ד. ה. אינ ניט קיינ לאנדווירט־
שאפטלעכע באפעלקערונג). אָט דער קוואל פונ רעלאטיוו
איבעריקער באפעלקערונג שטראָמט שטענדיק... דער דאָרפישער אר־
בעטער ווערט דערפירט ביזנ נידעריקסטנ ניוואָ פונ ארבעטלוינ, אונ
ער שטייט שטענדיק מיט איינ פוס אינעמ זומפ פונ פאופעריזמ"
(„קאפיטאל", ב. I, זייט 668).

דעמ פויערס פריוואט־אייגנטומ אפ דער ערד, וואָס ער באאר־בעט, איז דער יעסאָד פונ דער קליינ־פּראָדוקציע אונ דער באדינג פאר איר אויפבליונג, דערפאר, אז זי זאָל באקומענ א קלאסישע פאָרמ. אָבער די דאָזיקע קליינ־פּראָדוקציע לאָזט זיכ צונויפפּאָרנ נאָר מיט שמאָלע פּרימיטיווע ראמענ פונ דער פּראָדוקציע אונ געזעל־שאפט. באמ קאפּיטאליזמ

„אונטערשיידט זיכ די עקספּלואטאציע פונ די פויערימ פונ דער עקספּלואטאציע פונעמ אינדוסטריעלנ פּראָלעטאריאט נאָר לויט דער פאָרמ. דער עקספּלואטאטער איז דער זעלבער—דער קאפּיטאל. די איינצלנע קאפּיטאליסטנ עקספּלואטירנ די איינצלנע פויערימ דורכ היפּאָטעקעס אונ וווּכעריי; דער קלאס קאפּיטא־ליסטנ עקספּלואטירט דעמ קלאס פויערימ דורכ מעלוכע־שטייערנ" („דער קלאסנקאמפּ אינ פראנקרייכ"). „דעמ פויערס פּארצעלע (קליינער ערד־שטיקל) איז נאָר א געלעגנהייט, וואָס גיט דעמ קאפּיטאליסט די מעגלעכקייט ארויסצובאקומענ פונ דער ערד דעמ רעווער, פּראָצענט אונ רענטע אונ לאָזנ דעמ ערדארבעטער גופע ארויסצובאקומענ זיינ ארבעטלוינ, ווי ער וויל".

געוויינלעכ גיט דער פויער אָפּ דער קאפּיטאליסטישער געזעל־שאפט, ד. ה. דעמ קלאס קאפּיטאליסטנ, אפילע א טייל פונ ארבעט־לוינ, אונ ער לאָזט זיכ אראָפּ

„ביזנ ניוואָ פונ אנ אירלענדישנ ארענדאטער — אונטערנ אויסזענ פונ א פּריוואט־אייגנטימער („דער קלאסנקאמפּ אינ פראנקרייכ").

אינ וואָס באשטייט

„איינע פונ די סיבעס פונ דעמ, וואָס אינ די לענדער מיט א דאָמינירנדיקנ דריבנעמ פויערשנ ערד־באזיצ שטייט דער פּרייז אפּ טווּוע נידעריקער, ווי אינ די לענדער מיט א קאפּי־טאליסטישנ פּראָדוציר־אויפנ?" („קאפּיטאל" ב. III, זייט 340).

אינ דעמ, וואָס דער פויער גיט אָפּ דער געזעלשאפט (ד. ה. דעמ קלאס קאפּיטאליסטנ) אומזיסט א טייל פונעמ מערפּראָדוקט.

„הייסט עס, אזא נידעריקער פּרייז (פונ טווּוע אונ אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ) איז א רעזולטאט פונ דער אָרעמקייט פונ די פּראָדוצירער אונ איז אינ קיינ פאל ניט קיינ

רעזולטאט פונ דער פראָדוקטיווקייט פונ זייער ארבעט" („קאפי־טאל", ב. III, זייט 340).

דאָס דריבנע ערד־אייגנטומ, די נאָרמאלע פאָרמ פונ דער קליינ־פראָדוקציע, דעגראדירט, ווערט פארניכטעט, קומט אומ באמ קאפי־טאליזמ.

„דאָס דריבנע ערד־אייגנטומ שליסט אויס לויט זיינ מעהוס: די אנטוויקלונג פונ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער ארבעט, די געזעלשאפטלעכע ארבעט־פאָרמענ, די גע־זעלשאפטלעכע קאָנצענטראציע פונ די קאפיטאלנ, פיצוכט אינ א גרויסנ פארנעמ, די אלצ גרעסערע אונ גרעסערע אָנווענ־דונג פונ דער וויסנשאפט. די וווכעריי אונ די שטייערנ־סיסטעמ פירנ אומפארמיידלעכ אומעטומ צו זיינ פאראָרעמונג. דאָס פאר־ברויכנ דעמ קאפיטאל אפ קויפנ ערד נעמט אָפ דעמ זעלבנ קאפיטאל פונ פארברויכנ אימ אפ דער קולטור פונ דער ערד. אומענדלעכע צעברעקלונג פונ די פראָדוציר־מיטלענ אונ צעשיי־דונג פונ די פראָדוצירער גופע". (די קאָאָפעראטיוונ, ד. ה. די געזעלשאפטנ פונ קליינע פויערימ, שפילנ א העכסט פראָגרע־סיווע בורזשואזע ראָליע, אָבער זיי שוואכנ נאָר אָפ אָט די טענדענצ אונ פארניכטנ זי ניט; מע דארפ אויכ ניט פארגעסנ, אז די קאָאָפעראטיוונ גיבנ אסאכ די פארמעגלעכע פויערימ אונ גאָר ווייניק, קימאט גאָרנישט דער מאסע אָרעמשאפט, אונ נאָכדעמ ווערנ די געזעלשאפטנ אליינ עקספלואטאטערס פונ לוינארבעט). „גיגאנטישע צערויבונג פונ מענטשלעכער קראפט. אנ אלצ גרעסערע אונ גרעסערע פארערגערונג פונ די פראָ־דוציר־באדינגונגענ אונ פארטייערונג פונ די פראָדוציר־מיטלענ איז דער געזעצ פונעמ פארצעלע־אייגנטומ (קליינ־אייגנטומ)".

דער קאפיטאליזמ פורעמט איבער דעמ פראָדוציר־פראָצעס אינ דער לאנדווירטשאפט פונקט ווי אינ דער אינדוסטריע, נאָר דער פרייז פונ דעמ איז דער „מארטיראָלאָג פונ די פראָדוצירער".

„די צעשפרייטקייט פונ די דאָרפישע ארבעטער אפ גרויסע שטעטאָכימ צעברעכט זייער ווידערשטאנד־קראפט, אינ דער צייט, ווענ די קאָנצענטראציע פונ די שטאָטישע ארבעטער פארגרע־סערט די זעלבע קראפט. אינ דער היינטצייטיקער קאפיטאליס־

טישער לאַנדווירטשאַפט, ווי אין דער היינטצייטיקער אינדוסט־ריע, ווערט די העכערונג פון דער פּראָדוציר־קראַפט פון דער אַרבעט און איר גרעסערע באַוועגלעכקייט געקויפט פאַרן פּרייז פון רויִנירן און אויסצערן די אַרבעט־קראַפט גופא. אַחוץ דעם איז יעדער פּראָגרעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער לאַנדווירט־שאַפט ניט נאָר אַ פּראָגרעס אין דער קונסט צו באַרויבן דעם אַרבעטער, נאָר אויך אין דער קונסט צו באַרויבן דעם באָדן... די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אַנטוויקלט אַלזאָ די טעכניק און די קאָמבינאַציע פון געזעלשאַפטלעכן פּראָדוציר־פּראָצעס נאָר אַזוי, אַז זי ווייסט אונטער אין דער זעלבער צייט די קוואַלן פון יעדן רייכטום: די ערד און דעם אַרבעטער („קאַ־פּיטאַל", ב. I. סאָף פון 13־טן קאַפּיטל).

דער סאָציאַליזם

פון דעם, וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרן, קאָן מען זען, אַז די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער פאַרוואַנדלונג פון דער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער דרינגט מאַרקס אַרויס איינגאַנצן און אויסשליסלעך פונעם עקאָנאָמישן געזעץ פון דער באַ־וועגונג פון דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט. די פאַרגעזעלשאַפטלע־כונג פון דער אַרבעט, וואָס גייט אין טויזנטער פאָרמען פאָרויס אַלץ גיכער און אַנטפּלעקט זיך אין דעם האַלבן יאָרהונ־דערט, וואָס איז אַוועק זינט מאַרקס טויט, באַזונדערס בולעט אינעם וווּקס פון דער גרויס־פּראָדוקציע, פון די קאַרטעלן, סינדיקאַטן און טרעסטן פון קאַפּיטאַליסטן, און אויך אין דעם גיגאַנטישן שטייגן פון דער גרייס און דער מאַכט פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, — אָט דאָס איז די מאַטעריעלע הויפּט־באַזע פאַרן אומפאַרמיידלעכן אָנקומען פונעם סאָציאַליזם. די אינטעלעקטועלע און די מאָראַלישע טרייב־קראַפט, דער פיזישער אויספירער פון אָט דער פאַרוואַנדלונג איז דער פּראָלעטאַ־ריאַט, וועלכן דער קאַפּיטאַליזם אַליין דערציט. אַנטפּלעקנדיק זיך אין פאַרשיידענע און אַלץ מער איינהאַלטלעכע פאָרמען, ווערט זיין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע אומפאַרמיידלעך אַ פּאָליטישער קאַמף, וואָס איז געווענדעט דערצו, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט („די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט"). די פאַרגע־

זעלשאַפטלעכונג פון דער פּראָדוקציע מוז פירן דערצו, אַז די פּראָדוציר־מיטלען זאָלן אַריבער אין אייגנטום פון דער געזעלשאַפט, אַז מע זאָל „עקספּראָפּריִירן די עקספּראָפּריִאַטערס". די קאָלאָסאַלע העכערונג פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיוויקייט, די פאַרקירצונג פונעם אַרבעט־טאָג, דאָס פאַרבייטן די רעשטן, די כורוועס פון דער קליינער, פּרימיטיווער, צעבראָכענער פּראָדוקציע אויף קאָלעקטיווער פאַרפולקומטער אַרבעט — דאָס זיינען די דירעקטע רעזולטאַטן פון אַזאַ איבערגאַנג. דער קאַפּיטאַליזם צערייסט ענדגילטיק דעם צוזאַמענהאַנג פון דער ערדאַרבעט מיט דער אינדוסטריע, אָבער אין דער זעלבער צייט גרייט ער מיט זיין העכסטער אַנטוויקלונג נייע עלעמענטן פאַר אַזאַ צוזאַמענהאַנג, פאַרן פאַראייניקן די אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט אויפן באָדן פון באַוווּסטזיניקן אָנווענדן די וויסנשאַפט און קאָמבינירן די קאָלעקטיווע אַרבעט, פון אַ נייעם פאַנאַנדערזעצן פון דער מענטשהייט (ווען עס וועט ווערן פאַרניכטעט סיי די דאָרפישע פאַרוואָרפנקייט, אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט, פאַרווילדעטקייט, סיי די אומנאַטירלעכע צונויפזאַמלונג פון גיגאַנטישע מאַסן אין די גרויסע שטעט). די נייע פאָרם פון דער פאַמיליע, די נייע באַדינגונגען אין דער לאַגע פון דער פרוי און אין דער דערציִונג פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות ווערן צוגעגרייט אַדאַנק די העכערע פאָרמען פונעם היינטצייטיקן קאַפּיטאַליזם: די פרויען־אַרבעט און די קינדער־אַרבעט, די צעפאַלונג פון דער פּאַטריאַרכאַלער פאַמיליע באַם קאַפּיטאַליזם באַקומט אומפאַרמיידלעך אין דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט די סאַמע גרויזאַמע, קרענקלעכע און עקלהאַפטע פאָרמען, און פונדעסטוועגן,

„אָפּגעבנדיק אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע די פרויען, די יוגנטלעכע און די קינדער פון ביידע געשלעכטן אינעם געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזירטן פּראָדוציר־פּראָצעס, אויסער דער היימישער ספערע, שאַפט די גרויס־אינדוסטריע דעם עקאָנאָמישן יעסאָד פאַר דער העכסטער פאָרם פון דער פאַמיליע און פון דער באַציִונג צווישן די געשלעכטן. פאַרשטייט זיך, ס'איז פונקט אַזוי אומגעלומפּערט צו האַלטן פאַר אַבסאָליוט די קריסטלעך־דייטשישע פאַמיליען־פאָרמע, ווי די אַלט־רוימישע פאָרם צי די אַלט־גריכישע אָדער די מיזרעכדיקע, וואָס בילדן אַגעוו

אין פאַרבינדונג איינע מיט דער אַנדערער די איינהייטלעכע היסטאָרישע אַנטוויקלונג־רײ. ס׳איז קלאָר, אַז דאָס צונויפשטעלן אַ קאָמבינירטן אַרבעטער־פּערסאָנאַל פון מענטשן פון ביידע געשלעכטן און פון פאַרשיידענעם עלטער, וואָס איז אין דער סטיכישער, גראָבער קאַפּיטאַליסטישער פאָרם, ווען דער אַרבעטער עקזיסטירט פאַרן פּראָדוציר־פּראָצעס און ניט דער פּראָדוציר־פּראָצעס פאַרן אַרבעטער, איז עס אַ פאַרפּעסטעטער קוואַל פון אומקום און שקלאַפעריי, — מוז זיך אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלען באַ אַנטשפּרעכיקע באַדינגונגען, פאַרקערט, אין אַ קוואַל פון הומאַניסטישער אַנטוויקלונג" („קאַפּיטאַל", ב. I, סאָף פון קאַפּיטל 13).

די פאַבריק־סיסטעם באַווייזט אונדז

„די עמבריאָנען פון דער דערציִונג פון דער צוקונפט־עפּאָכע, ווען פאַר אַלע קינדער איבער אַ געוויסן עלטער וועט די פּראָדוקטיווע אַרבעט פאַרייניקט ווערן מיטן לערנען און מיט גימנאַסטיק ניט נאָר אַלס איינס פון די מיטלען צו פאַרגרעסערן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע, נאָר אויך אַלס איינציקער מיטל צו פּראָדוצירן אַלזייטיק אַנטוויקלטע מענטשן" (דאָרטן).

אַף דעם זעלבן היסטאָרישן באָדן, — ניט אין זין פון בלויז דערקלערן די פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אין זין פון פּאָרויסזען אָן שרעק די צוקונפט און פון דרייסטער פּראַקטישער טעטיקייט, וואָס איז געווענדעט צו פאַרווירקלעכן זי, — שטעלט מאַרקס סאָציאַליזם אויך די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַליטעט און וועגן דער מעלוכע. די נאַציעס זיינען אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט און אַן אומפאַרמיידלעכע פאָרם פון דער בורזשואַזער עפּאָכע פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. און דער אַרבעטער־קלאַס האָט ניט געקענט פעסטער ווערן, שטאַרקער ווערן, אויסבילדן זיך, ניט „איינאָרדענענדיק זיך אין די ראַמען פון דער נאַציע", ניט זייענדיק „נאַציאָנאַל" („האָגאָר ניט אין דעם זין, ווי די בורזשואַזיע פאַרשטייט דאָס"). אָבער די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם ברעכט אַלץ מער און מער די נאַציאָנאַלע צאַמען, זי פאַרניכטעט די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, זי שטעלט אַפן אָרט פון די נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען. אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דעריבער

אבסאָליוט עמעס, אז „די ארבעטער האָבנ ניט קיינ פאָטערלאנד" אונ אז „די פארניכטונג פונ די אָנשטרענגונגענ" פונ די ארבעטער וויי־ניקסטנס פונ די ציוויליזירטע לענדער „איז איינע פונ די ערשטע באדינגונגענ פאר דער באפרייונג פונעמ פראָלעטאריאט" („קאָמוניס־טישער מאניפעסט"). די מעלוכע, אָט דער אָרגאניזירטער געוואלט, איז אנטשטאנענ אומפארמיידלעכ אפ א געוויסער אנטוויקלונג־שטופע פונ דער געזעלשאפט, ווענ די געזעלשאפט האָט זיכ צעשפאָלטנ אפ אומבעשאָלעמדיקע קלאסנ, ווענ זי וואָלט ניט געקאָנט עקזיסטירנ אָנ דער „מאכט", וואָס שטייט קלוימערשט איבער דער געזעלשאפט אונ האָט זיכ ביז א געוויסנ גראד אָפגעזונדערט פונ איר. אנטשטייענדיק אינ די קלאסנ־ווידערשפרוכנ, ווערט די מעלוכע

> „א מעלוכע פונ דעמ שטארקסטנ, עקאָנאָמיש הערשנדיקנ קלאס, וועלכער ווערט מיט דער הילפ פונ דער מעלוכע אויכ דער פאָליטיש הערשנדיקער קלאס אונ באקומט אזוי ארומ נייע מיטלענ צו אונטערטעניק מאכנ אונ עקספלואטירנ דעמ אונטער־געדריקטנ קלאס. דעהיינע, די אנטיקע מעלוכע איז געווענ פריער פאר אלצ די מעלוכע פונ שקלאפנ־באזיצער צו אונטער־טעניק מאכנ די שקלאפנ, די פעאָדאלע מעלוכע — אנ אָרגאנ פונעמ אדל צו אונטערטעניק מאכנ די לייבייגענע פויערימ, אונ די היינטצייטיקע רעפרעזענטאטיווע מעלוכע איז א געצייג צו עקספלואטירנ די לוינארבעטער" (ענגעלס, אינ דער „אָפ־שטאמונג פונ פאמיליע, פריוואט־אייגנטומ אונ מעלוכע", ווו ער גיט איבער זיינע אונ מארקס אָנשויונגענ).

אפילע די סאמע פרייע אונ פראָגרעסיווע פאָרמ פונ דער בור־זשואזער מעלוכע, די דעמאָקראטישע רעפובליק, באזייטיקט אבסאָליוט ניט אָט דעמ פאקט, זי בייט נאָר זיינ פאָרמ (דער צוזאמענהאנג פונ דער רעגירונג מיט דער בירזשע, דאָס אונטערקויפנ — דירעקט אונ אומדירעקט — די באאמטע אונ די פרעסע א. א. וו.). פירנדיק צומ פארניכטנ די קלאסנ, פירט דער סאָציאליזמ בעמיילע אויכ צומ פאר־ניכטנ די מעלוכע.

> „דער ערשטער אקט, — שרייבט ענגעלס אינ „אנטי־דיורינג", — מיט וועלכנ די מעלוכע טרעט ארויס ווירקלעכ אלס פאָר־שטייער פונ דער גאנצער געזעלשאפט, — די עקספראָפריאציע

פונ די פּראָדוציר־מיטלענ לעטויוועס דער גאנצער געזעלשאפט, —
וועט אינ דער זעלבער צייט זיינ איר לעצטער זעלבשטענדיקער אקט
אלס מעלוכע. די ארייננמישונג פונ דער מעלוכע־מאכט אינ די
געזעלשאפטלעכע באציִונגענ וועט ווערנ איבעריק אינ איינ
געביט נאָכנ צווייטנ אונ וועט אופהערנ פונ זיכ אליינ. דאָס
פארוואלטנ מיט מענטשנ וועט פארביטנ ווערנ אפ פארוואלטנ
מיט זאכנ אונ אפ רעגולירנ דעמ פּראָדוציר־פּראָצעס. די מע־
לוכע וועט ניט „אָפּגעשאפט ווערנ", זי וועט „אָפּשטארבנ".
„די געזעלשאפט, וואָס אָרגאניזירט די פּראָדוקציע אפ דער
באזע פונ פרייע אונ גלייכע אסאָציאציעס פונ פּראָדוצירער,
וועט אוועקשטעלנ די מעלוכע־מאשינ דאָרטנ, ווו זי וועט
דעמאָלט דארפנ שטיינ: אינ אנ אנטיקנ־מוזיי, לעבנ דער
שפּינראָד, אונ דער בראָנזענער האק" (ענגעלס אינ דער „אָפּ־
שטאמונג פונ פאמיליע, פּריוואט־אייגנטומ אונ מעלוכע").

צולעצט, אינ דער פראגע וועגנ דער באציִונג פונ מארקס סאָ־
ציאליזמ צומ דריבנעמ פּויערטומ, וואָס וועט בלייבנ אינ דער עפּאָכע
פונ עקספּראָפּריִירנ די עקספּראָפּריִאטערס, דארפ מענ [13] אָנווייזנ אפ
ענגעלסעס דערקלערונג, וואָס דריקט אויס מארקס געדאנקענ:

„ווענ מיר וועלנ באהערשנ די מעלוכע־מאכט, וועלנ מיר
אפילע ניט קלערנ וועגנ עקספּראָפּריִירנ מיט געוואלט די קליינע
פּויערימ (אלציינס, צי מיט באלוינונג אָדער אָנ באלוינונג), ווי
מיר וועלנ זיינ געצווונגענ צו טאָנ מיט די גרויסע ערדבאזי־
צער. אונדזער אופגאבע בענעגייע די דריבנע פּויערימ וועט
באשטיינ פריער פאר אלצ אינ אריבערפירנ זייער פּריוואטע
פּראָדוקציע אונ פּריוואט־אייגנטומ אינ א געזעלשאפטלעכע, א קאָ־
לעקטיווע, אָבער ניט מיט געוואלט, נאָר דורכ א ביישפּיל אונ
דורכ פאָרלייגנ געזעלשאפטלעכע הילפ צוליב דעמ. אונ דעמאָלט
וועלנ מיר געוויס האָבנ גענוג מיטלענ צו דערווייזנ דעמ פּויער
אלע מיילעס פונ אזא איבערגאנג, — די מיילעס, וואָס מע דארפ
אימ דערקלערנ שוינ איצט" (ענגעלס: „צו דער אגראר־פּראגע
אינ מיירעוו").

די טאַקטיק פונעם פּראָלעטארישן קלאסנקאמף

האָבנדיק קלאָר געמאכט נאָך אין די יאָרן 1844־1845 איינעם פון די גרונט־בעסרוינעס פונעם אלטן מאטעריאליזם,—דאָס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פארשטיין די באדינגונגען און אָפּשאצן די באדייטונג פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראקטישער טעטיקייט,—האָט מארקס אין מעשעך פון זיין גאנצן לעבן, באגלייך מיט די טעאָרעטישע ארבעטן, אָפּגעגעבן א שטענדיקע אופמערקזאמקייט די פראגן וועגן דער טאַקטיק פון פּראָלעטארישן קלאסנקאמף. א קאָלאָסאלן מאטעריאל גיבן אין דעם פּראט אלע מארקס ווערק און באזונדערס זיין 4־בענדיקע קאָרעספּאָנדענצ מיט ענגעלסן, וואָס איז ארויסגעגאנגען אין 1913. אָט דער מאטעריאל איז נאָך ווייט ניט צונויפגעזאמלט, ניט צונויפגעפירט איינעם, ניט אויסגעפאָרשט און ניט דורכגעארבעט. דערפאר מוזן מיר זיך דאָ באנוגענען נאָר מיט די סאמע אלגעמיינע און קורצע באמערקונגען, באטאָנענדיק, אז אָן אָט דער זייט פון מאטעריאליזם האָט אים מארקס מיט רעכט געהאלטן פאר א האלבן, אן איינזייטיקן, א טויטן. די גרונט־אויפגאבן פון דער פּראָלעטאריישער טאַקטיק האָט מארקס באשטימט אין שטרענגן איינקלאנג מיט אלע האנאָכעס פון זיין מאטעריאליסטיש־דיאלעקטישער וועלט־אָנשויונג. נאָר דער אָביעקטיווער דיסקאָנט פונעם גאנצן סכום קעגנזייטיקע באציונגען פון אלע אָן אויסנאם קלאסן פון דער געגעבענער געזעלשאפט און בעמיילע אויך דער דיסקאָנט פון דער אָביעקטיווער אנטוויקלונג־מאדרייגע פון דער געזעלשאפט און דער דיסקאָנט פון די קעגנזייטיקע באציונגען צווישן איר און די אנדערע געזעלשאפטן קאָן דינען אלס אָנשפּאר פאר דער ריכטיקער טאַקטיק פון דעם פאָרגעשריטענעם קלאס. דערביי ווערן אלע קלאסן פון אלע לענדער באטראכט ניט סטאטיש, נאָר דינאמיש, ד. ה. ניט אין אומבאוועגלעכן צושטאנד, נאָר אין באוועגונג (וואָס אירע געזעצן דרינגען ארויס פון די עקאָנאָמישע עקזיסטענצ־באדינגונגען פון יעדן קלאס). די באוועגונג ווידער ווערט באטראכט ניט נאָר פון שטאנדפּונקט פון דער פארגאנגענהייט, נאָר אויך פון שטאנדפּונקט פון דער צוקונפט און דערביי ניט אין דער באנאלער אופאסונג פון די „עוואָליוציאָניסטן", וואָס זעען נאָר לאנגזאמע ענדערונגען, נאָר דיאלעקטיש:

„20 יאָר באטרעפנ איינ טאָג אינ די גרויסע היסטאָרישע אנטוויקלונגענ,—האָט מארקס געשריבנ ענגעלסנ,—האגאמ שפּעטער קאָנענ אָנקומענ אזוינע טעג, אינ וועלכע עס ווערט קאָנצענטרירט צו 20 יאָר" (ב. III, זייט 127 „קאָרעספּאָנדענצ").

אפ יעדער אנטוויקלונג־שטופע, אינ יעדנ מאָמענט דארפ די טאקטיק פונ פראָלעטאריאט דיסקאָנטירנ אָט די אָביעקטיוו־אומפארמיידלעכע דיאלעקטיק פונ דער מענטשלעכער געשיכטע, אויסנוצנדיק פונ איינ זייט צו אנטוויקלענ דעמ באוווסטזיינ, די קראפט אונ די קאמפפייקייט פונ דעמ פאָרגעשריטענעמ קלאס די עפּאָכעס פונ פּאָליטישנ שטילשטאנד אָדער פונ דער אזוי גערופענער „פרידלעכער" טשערעפּאכע־אנטוויקלונג, אונ פונ דער אנדערער זייט, פירנדיק די גאנצע ארבעט פונ אויסנוצנ אינ דער ריכטונג צומ „ענד־צוועק" פונ דער באוועגונג פונ געגעבענעמ קלאס אונ צו שאפנ אינ אימ די פייקייט צומ לייזנ פראקטיש די גרויסע אופגאבנ אינ די גרויסע טעג, „וואָס קאָנצענטרירנ אינ זיכ צו 20 יאָר". צוויי מארקס געדאנקענ זיינענ באזונדערס וויכטיק אינ דער פראגע,—איינער פונ דעמ „דאלעס פונ דער פילאָזאָפיע", וועגנ דעמ עקאָנאָמישנ קאמפ אונ די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציעס פונ פראָלעטאריאט, דער צווייטער—פונ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט", וועגנ די פּאָליטישע אופגאבנ פונ פראָלעטאריאט. דער ערשטער איז אזא:

„די גרויס־אינדוסטריע זאמלט צונויפ אינ איינ אָרט א מאסע מענטשנ, וואָס קענענ ניט איינער דעמ אנדערנ. די קאָנקורענצ צעשפּאלט זייערע אינטערעסנ. אָבער דאָס אָפּהיטנ דעמ ארבעטלוינ, אָט דער אלגעמיינער אינטערעס בענעגייע צו זייער באלעבאָס, פאראייניקט זיי מיט איינ אלגעמיינער אידיי וועגנ ווידערשטאנד, קאָאליציע... די קאָאליציעס, לעכאטכילע איזאָלירטע, פאָרמירנ זיכ אינ גרופּעס, אונ אָפּהיטנ זייערע פארייננענ קעגנ דעמ שטענדיק פאראייניקטנ קאפּיטאל ווערט פאר די ארבעטער מער נייטיק, איידער אָפּהיטנ דעמ ארבעטלוינ... אינ אָט דעמ קאמפ—אנ עמעסנ בירגער־קריג—פאראייניקנ זיכ אונ אנטוויקלענ זיכ אלע עלעמענטנ פארנ קומענדיקנ שלאכט. ווענ זי דערגייט צו דעמ פּונקט, נעמט די קאָאליציע אָנ א פּאָליטישנ כאראקטער"...

דאָ האָבן מיר די פּראָגראַם און די טאַקטיק פון עקאָנאָמישן קאמפּ און פון דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג אפּ עטלעכע צענדליק יאָר, פאַר דער גאנצער לאנגער עפּאָכע פון צוגרייטן די קויכעס פון פּראָלעטאַריאט „פארן קומענדיקן שלאכט". מיט דעם דארפּ מען פארגלייכן מארקס און ענגעלסעס צאָלרייכע אָנווייזונגען אפּן ביישפּיל פון דער ענגלישער ארבעטער־באוועגונג, ווי די אינדוסטריעלע „אופּבליונג" רופט ארויס פּרווון צו „קויפן די ארבעטער" (I, זייט 136, „קאָרעספּאָנדענץ מיט ענגעלסן"), אָפּצוציען זיי פון קאמפּ, ווי אָט די אופּבליונג „דעמאָראַליזירט די ארבעטער" ביכלאל (II, זייט 218), ווי דער ענגלישער פּראָלעטאַריאט „ווערט פארבורזשואזעוועט"—„די סאמע בורזשואזע פון אלע נאציעס" (די ענגלישע) „וויל אפּאָנעם, סאָפּקאָלסאָפּ דערפירן די לאגע דערצו, אז לעבן דער בורזשואזיע זאָל זיין א בורזשואזע אריסטאָקראַטיע און א בורזשואזער פּראָלעטאַריאט" (II, זייט 290); ווי עס פארשווינדט בא אים די „רעוואָליוציאָנערע ענערגיע" (III, זייט 124); ווי עס וועט אויסקומען צו ווארטן א מער אָדער ווייניקער לאנגע צייט „ביז וואנען די ענגלישע ארבעטער וועלן זיך באפרייען פון זייער שיינבארער בורזשואזער דעמאָראַליזאציע" (III, זייט 127); ווי דער ענגלישער ארבעטער־באוועגונג פעלט „דער ברען פון די טשארטיסטן" (1866; III, ז. 305); ווי די ענגלישע ארבעטער־פירער ווערן געשאפן לויטן טיפּ פון א מיטל־רינג „צווישן א ראדיקאלן בורזשוא און אן ארבעטער" (וועגן האָליאָק, IV, זייט 209); ווי „מע קאָן גאָרנישט ניט טאָן מיט די בריטישע ארבעטער" מאכמעס ענגלאנדס מאָנאָפּאָליע און אזוי לאנג, ווי די מאָנאָפּאָליע וועט ניט פּלאצן (IV, זייט 433). די טאַקטיק פון עקאָנאָמישן קאמפּ אין צוזאמענהאנג מיטן אלגעמיינעם גאנג (און אויסגאנג) פון דער ארבעטער־באוועגונג ווערט דאָ באטראכט פון א מערקווירדיק ברייטן, אלזייטיקן, דיאלעקטישן, עמעס רעוואָליוציאָנערן שטאנדפּונקט.

דער „קאָמוניסטישער מאניפעסט" האָט ארויסגערוקט וועגן דער טאַקטיק פון פּאָליטישן קאמפּ די גרונט־האנאָכע פון מארקסיזם:

> „די קאָמוניסטן קעמפן אין נאָמען פון די נאָענטסטע צילן
> און אינטערעסן פונעם ארבעטער־קלאס, אָבער אין דער זעלבער צייט פארטיידיקן זיי אויך די צוקונפט פון דער באוועגונג".

אין נאָמען פון דעם האָט מארקס אין 1848 אונטערגעשטיצט אין פוילן די פארטיי פון דער „אגראר־רעוואָליוציע", „די זעלבע פארטיי, וואָס האָט ארויסגערופן דעם קראָקער אופשטאנד פון 1846". אין דייטשלאנד, אין די יאָרן 1848־1849, האָט מארקס געשטיצט די עקסטרעמע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטיע און האָט שפעטער קיינ־מאָל ניט גענומען צוריק דאָס, וואָס ער האָט דעמאָלט געזאָגט וועגן דער טאקטיק. די דייטשישע בורזשואזיע האָט ער באטראכט ווי אן עלעמענט, וואָס „איז פון אָנהייב אָן געווען געניגט צו פאראטן דאָס פאָלק" (נאָר דער בונד מיטן פויערטום וואָלט געקאָנט געבן דער בורזשואזיע א פארגאנצטע פארווירקלעכונג פון אירע אופגאבן) „און צו א קאָמפּראָמיס מיט די געקרוינטע פאָרשטייער פון דער אלטער געזעלשאפט". אָט איז דער סאכאקל־אנאליז פון דער קלאסן־לאגע פון דער דייטשישער בורזשואזיע אין דער עפּאָכע פון דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, וואָס מארקס האָט געגעבן, דער אנאליז, וואָס איז אגעוו א מוסטער פון מאטעריאליזם, וואָס באטראכט די געזעלשאפט אין איר באוועגונג און דערביי ניט בלויז פון דער זייט פון דער באוועגונג, וואָס איז געווענדעט צוריק...

„אָן גלייבן אין זיך, אָן גלויבן אין פאָלק; בורטשענדיק פאר די פניי, ציטערנדיק פאר די אונטערשטע שיכטן... אָנגעשראָקן פונעם וועלט־שטורעם, קיינמאָל ניט מיט ענערגיע, אומעטום מיט א פלאגיאט;... אָן איניציאטיוו;... א פארפלוכטער זאָקן, וואָס איז פארורטיילט אָנצופירן צוליב זיינע זקיינישע אינטערעסן מיטן ערשטן יוגנט־דראנג פון א יונגן און געזונטן פאָלק..."
(„נייע ריינישע צייטונג" 1848, זע „ליטערארישע ירושע", ב. III, זייט 212).

אין א 20 יאָר ארום האָט מארקס אין א בריוו צו ענגעלסן (ב. III, זייט 224) דערקלערט, אז די רעוואָליוציע פון 1848 האָט ניט געהאט קיין דערפאָלג, ווייל די בורזשואזיע האָט אָנגענומען פאר ליבער דעם אָלעם מיט דער קנאכטשאפט איידער אפילע די פּערספּעקטיוו פון קאמף פאר דער פרייהייט. ווען עס האָט זיך געענדיקט די עפּאָכע פון די רעוואָליוציעס פון 1848־1849, איז מארקס אופגעשטאנען קעגן יעדער שפּיל אין רעוואָליוציע (שאפּער — וויליך און דער קאמף קעגן זיי), פאָדערנדיק, מע זאָל קענען ארבעטן אין דער נייער

עפּאָכע, וואָס גרייט קלוימערשט „פרידלעכ״ נייע רעוואָליוציעס. אינ וואָס פאר א גייסט, מארקס האָט געפאָדערט פירנ די דאָזיקע ארבעט,— דאָס קאָנ מענ זענ פונ דעמ, ווי ער האָט אָפּגעשאצט די לאגע אינ דייטשלאנד אינ דער סאמע שטילער רעאקציאָנערער צייט, אינ 1856:

> „אינ דייטשלאנד וועט אלצ אָפּהענגיק זיינ פונ דער מעגלעכקייט צו אונטערשטיצנ די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע מיט אוועלכער ניט צווייטער אופלאגע פונ דער פויערימ־מילכאָמע״ („די קאָרעספּאָנדענצ מיט ענגעלסנ״, ב. זייט 108).

אזוי לאנג, ווי די דעמאָקראטישע (בורזשואזע) רעוואָליוציע איז אינ דייטשלאנד ניט געווענ פארענדיקט, האָט מארקס געווענדעט די גאנצע אופמערקזאמקייט אינ דער טאקטיק פונ סאָציאליסטישנ פּראָלעטאריאט אפ אנטוויקלענ די דעמאָקראטישע ענערגיע פונעמ פויערטומ. לאסאלנ האָט ער געהאלטנ פאר א מענטשנ, וואָס באגייט „אָביעקטיוו א פאראט קעגנ דער ארבעטער־באוועגונג לעטויוועס פרייסנ״ (ב. III, זייט 210), אגעוו אויכ דערפאר, ווייל לאסאל האָט נאָכגעגעבנ די גוטבאזיצער אונ דעמ פרייסישנ נאציאָנאליזמ.

> „ס״איז עקלהאפט,—האָט ענגעלס געשריבנ אינ 1865, אינ זיינ געדאנקענ־אויסטויש מיט מארקסנ וועגנ זייער פאָרשטייענדיקער געמיינזאמער ארויסטרעטונג אינ דער פּרעסע—„אָנצופאלנ אינ א לאנדווירטשאפטלעכ לאנד אינ נאָמענ פונ די אינדוסטריעלע ארבעטער נאָר אפ די בורזשוא, פארגעסנדיק וועגנ דער פּאטריארכאלישער „שטעקנ־עקספּלואטאציע״ פונ די דאָרפישע ארבעטער מיצאד דעמ פעאָדאלנ אדל״ (ב. III, זייט 217).

אינ פעריאָד 1864־1870, ווענ עס האָט געהאלטנ באמ סאָפ די עפּאָכע פונ פארענדיקנ די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציע אינ דייטשלאנד, די עפּאָכע, ווענ די עקספּלואטאטארישע קלאסנ אינ דייטשלאנד האָבנ געקעמפט פאר דעמ אָדער יענעמ אויפנ פונ פארענדיקנ אָט די רעוואָליוציע פ ו נ א ו י ב נ, האָט מארקס ניט נאָר פארורטיילט לאסאלנ, ווענ יענער האָט געמאכט כיינדלעכ צו ביסמארקנ, נאָר ער האָט אויכ פאריכט ליבקנעכטנ, ווענ יענער איז אריינגעפאלנ אינ „אוסטראָפילנטומ״ אונ גענומענ פארטיידיקנ דעמ פארטיקולאריזמ; מארקס האָט געפאָדערט א רעוואָליוציאָנערע טאקטיק, וואָס זאָל קעמפנ אָנ ראכמאָנעס סיי קעגנ ביסמארקנ, סיי קעגנ די אוסטראָ־

פילנ, א טאקטיק, וואָס זאָל זיכ ניט אונטערכאַנפּענע צום „זיגער״—
צום פּרייסישנ יונקער, נאָר זאָל טייקעפּ באַנייענ דעם רעוואָליוציאָ־
נערנ קאמפ קעגנ אימ אונ אפ דעם באָדנ, וואָס די פּרייסישע
מיליטערישע ניצכוינעס האָבנ געשאפנ („די קאָרעספּאָנדענצ מיט ענ־
געלסנ״, ב. III, זייטנ 134, 136, 147, 179, 204, 210, 215, 418, 437,
440—441). אינ דער בארימטער ווענדונג פונעם אינטערנאַציאָ־
נאל פונ 9־טנ סעפטיאבער 1870 האָט מארקס געוואָרנט דעם פראנ־
צויזישנ פּראָלעטאריאט קעגנ א ניט־רעכטצייטיקנ אופשטאנד, אָבער
ווענ דער דאָזיקער אופשטאנד איז דאָכ אָנגעקומענ (1871), האָט מארקס
ענטוזיאסטיש באגריסט די רעוואָליוציאָנערע איניציאטיוו פונ די מאסנ,
„וואָס שטורעמענ דעם הימל״ (מארקס בריוו צו קוגעלמאנענ). פונעם
שטאנדפּונקט פונ מארקס דיאלעקטישנ מאטעריאליזמ איז די מאפּאָלע
פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארויסטרעטונג בא אזא סיטואציע, ווי אינ
אסאכ אנדערע סיטואציעס, געווענ א קלענערע צאָרע אינעם אלגע־
מיינעם גאנג אונ אויסגאנג פונ פּראָלעטארישנ קאמפ, איידער
דער אָפּזאָג פונ דער פארנומענער פּאָזיציע, דאָס אונטערגעבנ זיכ אָנ
א שלאכט: אזא אונטערגעבנ זיכ וואָלט דעמאָראליזירט דעם פּראָלע־
טאריאט, וואָלט אונטערגעהאקט זיינ פייקייט צום קאמפ. אָפּשאצנדיק
אינגאנצנ דאָס אויסנוצנ די לעגאלע קאמפ־מיטלענ אינ די עפּאָכעס
פונ פּאָליטישנ שטילשטאנד אונ פונ דער הערשאפט פונ דער בורזשוא־
זער לעגאלקייט, האָט מארקס אינ 1877־1878, נאָכדעמ ווי ס׳איז פא־
רעפנטלעכט געוואָרנ דער אויסנאמ־געזעצ קעגנ די סאָציאליסטנ, הארב
פארורטיילט מאָסטס „רעוואָליוציאָנערע פראזע״, אָבער ער איז ניט
ווייניקער, אויב ניט מער, שארפ אָנגעפאלנ אפנ אָפּאָרטוניזמ, וואָס
האָט דעמאָלט באהערשט אפ א געוויסע צייט די אָפיציעלע סאָציאל־
דעמאָקראטישע פארטיי, וועלכע האָט ניט ארויסגעוויזנ קיינ שטאנד־
האפטיקייט, פעסטקייט, רעוואָליוציאָנערישקייט, קיינ גרייטקייט ארי־
בערצוגיינ צו אומלעגאלנ קאמפ אלס ענטפער אפנ אויסנאמ־געזעצ
(„מארקס בריוו צו ענגעלסנ״, ב. IV, זייטנ 397, 404, 418, 422, 424.
פארגלייכ אויכ די בריוו צו זאָרגע).

יולי—נאָיאבער 1914.

אינהאלט

די דריי קוואלנ און די דריי באשטאנד־טיילנ פונעמ
מארקסיזם 3
קארל מארקס 11
מארקס לערע 16
דער פילאָזאָפישער מאטעריאליזמ 17
די דיאלעקטיק 20
די מאטעריאליסטישע אופאסונג פונ דער געשיכטע 23
דער קלאסנקאמפ 26
מארקס עקאָנאָמישע לערע 29
דער ווערט 29
מערווערט 31
דער סאָציאליזמ 44
די טאקטיק פונעמ פראָלעטארישנ קלאסנקאמפ 49

Сдано в производство 10/VIII 1932
Подписано к печати 25/VIII 1932
Формат бумаги 72 x 105 1/32 1¾ п. л. 72000 п. зн. в л.
«Эмес» 143. Уп. Главлита В—33405. Тираж 4.000 экз.
Редактор Л. Гольдберг. Техред. И. Тененбаум

Тип. Изд-ва «Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. № 770